# פרשת אחרי ב׳ כ״ג - כ״ט ניסן תשע״ט לפ״ק

*יום ראשון פרשת אחרי ב׳ - אסרו חג*

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **משה לעפקאוויטש** הי"ו, ולבן הר"ר **אליעזר לעפקאוויטש** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה לבחורי הבר מצוה, ונתן להם דורן דרשה.

אחר מעריב הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל האחים **כ"ק האדמו"ר מפאפא שליט"א, כ"ק האדמו"ר מפאפא ב"פ שליט"א, הגה"צ רבי אהרן גרינוואלד שליט"א** דומ"ץ פאפא, שישבו שבעה על פטירת אמם הרבנית הצדיקת מפאפא ע"ה.

*וזה תוכן השיחה:*

**האדמו"ר מפאפא ב"פ:** דער טאטע (**בעל ויחי יוסף מפאפא זצ"ל**) פלעגט אסאך מאל שיקן צום טאטן (**הגה"צ מסאמבאטהעלי זצ"ל**) ווען ער האט געהאט א ספק אין א שאלה.

**רבינו:** ער האט אמאל געשריבן א תשובה, צו א כהן קען גיין אין שפיטאל (ראה **שו"ת ויען יוסף** יו"ד ח"ג סימן שנח). דעמאלטס געדענקט איך, אז ער האט אריבער געשיקט צו מיין טאטן, אזוי ווי ער איז א כהן, אז ער זאל זאגן זיין מיינונג, צו מען קען גיין אין שפיטאל. מיין טאטע ז"ל האט געשריבען א תשובה אויף דעם, ער האט מצדד געווען להיתר לצורך מצוה וכדומה, ווייל עס איז דא אסאך ספיקות צו די טומאה קומט אריבער.

פונעם **ויגד יעקב** איז דא א צוואה?

**האדמו"ר מפאפא:** דער **צידה לדרך** איז אזוי ווי א צוואה.

**רבינו:** איך האב געמיינט אז ער האט עס נאר געשריבן אלץ א ליקוט פאר זיך, צוזאמגענומען חסידות מיט הנהגות.

**דומ"ץ פאפא:** דער **צידה לדרך** האט ער געשריבען אין די לעצטע יאר, ער האט נישט אנגעיאגט אלעס צו שרייבען. **הכנה דרבה** איז אויך א צוואה.

**רבינו: הכנה דרבה** איז דאך געשריבן אלץ א צוואה, מיט די לשון פון א צוואה. ער זאגט אן פאר די קינדער וואס זיי זאלן טון, און פאר די תלמידים.

**האדמו"ר מפאפא:** ער שרייבט דאך דארט בפירוש וועגן די ירושות.

**הרה"ג רבי צבי אונסדארפער שליט"א ראה"כ פאפא ב"פ:** עס איז א חידוש אז דער **ויגד משה** (שהיה חתן **בעל ויגד יעקב**) האט געשריבן אזוי פרי א צוואה, און דער **ויגד יעקב** נישט.

**רבינו:** דער **ויגד משה** האט געשריבן א צוואה ווען ער איז נאך געווען א יונגערמאן, עטליכע צוואנציג יאר. און ער שרייבט אין די צוואה, אז ער האט א סימן אז ער וועט נישט מאריך ימים זיין. ער שרייבט נישט וואס, נאר איך האב א סימן, לבי יחיל בקרבי מסימנא לאו מילתא, אז איך וועל נישט מאריך ימים זיין, און וועגן דעם שרייבט ער א צוואה (הובא בהקדמת ספר **ויגד משה** על הל׳ פסח).

**האדמו"ר מפאפא:** עס האט מיר דערציילט רבי אברהם מענדלאוויטש ז"ל, אז ער איז געווען מיטן **בילגורייער רב זצ"ל** אין אנטווערפען (בימות הקיץ תש"ט), און איינמאל ווען ער איז געגאנגען אין מקוה, האט ער געמאכט א טעות, און ער האט אנשטאטס די וועש בטעות גענומען זיינע תכריכים (קיטל), עס איז אים שיעור שלעכט געווארן. און ר׳ אברהם האט אים געזאגט, איך זעה עפעס גייט פאר, וואס איז געשעהן. האט ער אים געזאגט, גיי לויף שנעל אהיים, און ברענג אנדערע וועש, איך האב שוין מורא. ער איז נאכדעם צוריק געפארן אויף ארץ ישראל.

**רבינו:** ער איז יענע יאר אוועק (כ"ה חשון תש"י), ער ליגט אין טבריא.

דער **ערוגת הבשם** אליין האט נאר געשריבן די צוואה אינעם לעצטן יאר ווען ער איז נישט געזונט געווען. ער האט געשריבן א גאנצן ספר.

**האדמו"ר מפאפא ב"פ:** די ספר **מקוה טהרה** האט ער אויך געשריבן אינעם לעצטן יאר.

**רבינו:** ער האט עס דעמאלס מסדר געווען, עס איז דא זאכן וואס ער האט געשריבן אינעם לעצטן יאר.

**הרה"ג רבי אהרן ישעי' ראזנער שליט"א דומ"ץ סאמבאטהעלי, חדב"נ:** מען האט געלערנט דעמאלטס אין ישיבה הלכות מקוואות.

**רבינו:** דער טאטע האט געשריבן א צוואה?

**האדמו"ר מפאפא:** נישט וואס אונז ווייס מיר.

**רבינו:** פונעם **יארע רב** (**הגה"צ רבי יקותיאל יהודה גרינוואלד זצ"ל בן הערוגת הבשם**) איז יא דא א צוואה אין **זכרון אב**.

**האדמו"ר מפאפא:** דער **צעהלימער רב** האט אסאך משנה געווען אין די צוואה. קודם האט ער געשריבן אז מען זאל אים ארויפטראגען קיין ארץ ישראל, און נאכדעם האט ער געשריבן אז מען זאל אים נישט ארויפטראגען.

**רבינו:** דער **צעהלימער רב** האט דאך נישט געדארפט שרייבן קיין מוסר און התנהגות פאר די קינדער (שלא הניח אחריו זש"ק), ער האט נישט געהאט מיט וועם זיך אויסצושמועסן.

**הגר"צ אונסדארפער:** עס איז דא א דרשה פונעם רב איבער די וויכטיגקייט פון שרייבן צוואות[א]. מען זעהט אז געוויסע גדולים האבן טאקע נישט געשריבן.

**רבינו:** אזוי ווי יענער האט געזאגט, אדער מען דארף נישט, אדער עס העלפט נישט...

**ונסתובב השיחה בענין ספרי הגה"ק בעל ערוגת הבשם זצ"ל**

**רבינו:** דער **קאטמונער רב** האט מיר אמאל געזאגט, אז ווען נישט דאס וואס דער **יארע רב** איז געווען א ארימאן, וואלט קיינמאל נישט ארויסגעקומען די **ערוגת הבשם**. זיין זון **רבי אברהם יוסף** (אב"ד אונגוואר) איז געווען פארנומען, ער האט געפירט די ישיבה, און ער האט נישט געהאט קיין צייט זיך אפצוגעבן דערמיט. און דער **יארע רב** האט נישט געהאט קיין פרנסה, האט ער ארויסגעגעבן דעם **ערוגת הבשם** און די תשובות. און וואס ער האט ארויסגעגעבן, דאס איז געבליבן.

**הגר"צ אונסדארפער:** די גמרא (נדרים פא.) זאגט, הזהרו בבני עניים, שמהם תצא תורה. דאס מיינט מען, אז זיי געבן ארויס די דברי תורה.

**האדמו"ר מפאפא:** עס איז געווען כתבים וואס איז נעלם געווארן ביי די קריג. עס איז געווען א גאנצע חיבור אויף אבן העזר און חושן משפט. פאר די קריג, מען האט געזעהן עפעס גייט דא זיין, האט מען באהאלטן פארשידענע כתבים. רבי שמואל וועבער האט גענומען א טשאלענט קעסל און אריינגעלייגט א חלק פון די כתבים, און מען האט עס באגראבן אין הויף. און וואס מען האט באהאלטן, דאס איז געבליבן.

**רבינו:** דער **ויגד משה** האט אויך אלע זיינע כתבים באגראבן. און דער זיידע דער **סערדאהעלער רב** האט איבערגעגעבן זיינע כתבים פאר א גוי אז ער זאל עס אים היטן, און דער גוי האט עס ארויסגעווארפען. פונעם זיידן איז נישט געבליבן, נאר איין באנד תשובות איז דא פונעם זיידן (**שו"ת ולאשר אמר**) וואס איז געווען ביי רבי משה לייב צווישן זיינע כתבי ידות, האט ער עס באהאלטן צוזאמען מיט זיינע, און דאס איז געבליבן. הכל תלוי במזל אפילו ספר תורה שבהיכל (זוה"ק ח"ג קלד.).

**האדמו"ר מפאפא:** מען דערציילט אויף **רבי משה לייב** (**בעל ויגד משה**), אז דער זיידע (**בעל ויגד יעקב מפאפא**) איז אמאל נישט געווען אינדערהיים, און עס איז געווען א יודענע וואס האט געוואלט אריינגיין צום רב זיך אויסרעדן, איז זי אריינגעגאנגען צו רבי משה לייב, און זי האט אנגעהויבן ארויסצורעדן אלע אירע פראבלעמען, און ער זיצט און שרייבט. האט זי זיך אנגערופן, אלעס וואס איך זאג, שרייבט דער רבי אויף?!... ער האט געטון צוויי זאכן, ער האט געטוהן א טובה פאר א יודענע, ער האט איר אויסגעהערט, און ער האט נישט געוואלט מבטל זיין פון לערנען, האט ער ווייטער געשריבן זיינע זאכן.

**רבינו:** די וועלט זאגט, אז דער **בני יששכר** האט זייער אסאך געשריבן, און ער האט געקענט האלטן קאפ, אפילו איינער איז אריינגעקומען רעדן, האט ער אויסגעהערט דאס רעדן, און ער האט געשריבן. ביי **רבי דוד'ל דינוב'ער** איז שוין נישט געווען אזוי, און ווען איינער איז אריינגעקומען שמועסן, האט ער אויסגעהערט וואס יענער האט גערעדט. אמאל איז א יודענע געקומען, און זי האט גערעדט מיט **רבי דוד'ל דינוב'ער**, און ער האט אלעס אויסגעהערט. האט זי אים געזאגט, איר זענט נישט אזוי ווי אייער טאטע. אייער טאטע האט אלעס אויפגעשריבן וואס איך האב געזאגט, אבער איר שרייבט נישט אויף וואס איך זאג.

**האדמו"ר מפאפא ב"פ:** אלע כתבים פונעם **בני יששכר**, זענען דאך פון זיין כתב יד, נישט פון די תלמידים, אזויפיל צו שרייבן...

**דומ"ץ פאפא:** מען האט געזאגט אויפן **בני יששכר** אז ער האט געהאט צוויי מוחות, ער האט געקענט טוהן צוויי זאכן.

**רבינו:** איך האב געהערט פונעם **קלויזענבורגער רב ז"ל**, אז דער **בני יששכר** האט געשריבן ערב שבת ביז צום זמן, און מען האט אים געדארפט דערמאנען אז עס ווערט שבת, און ער זאל אראפלייגן די פעדער.

**האדמו"ר מפאפא:** דער **בעלזער רב** האט געזאגט פארן **קיוויאשדער רב**, אז אייער זיידע האט געהאט די גרעסטע הארה אין חנוכה (יותר משאר הצדיקים).

**דומ"ץ פאפא:** דער **בני יששכר** (מאמרי כסלו טבת ב-כא) שרייבט, אז דריי גדולים האבן געזאגט אז חנוכה איז דא די הארות פון דעם אור הגנוז. ער ברענגט דעם **רוקח**, און דער **מהר"ל מפראג**, און **רבי פנחס**

---

[א] ראה **בשמן ראש** חלק תשיעי ויקרא דף רס, ובחלק עשירי ויקרא דף קצז.

**קאריצ'ער** הקרוב לזמנינו. האט דער **בעלזער רב** געזאגט, אז דער **בני יששכר** אליין האט אויך.

**רבינו:** מען פארציילט נאך, אז דער **בני יששכר** אליין האט געפרעגט דעם **רבי פון לובלין**, פארוואס ער האט אזא הארה אין חנוכה, ער איז דאך נישט פון די בני חשמונאים, וואס ער זאל האבן א שייכות צו חנוכה. האט ער אים געענטפערט, אז זיין שורש נשמה איז פון א בית דין וואס איז געווען דעמאלטס בימי החשמונאים, וואס זיי זענען געווען פון שבט יששכר. וועגן דעם האט ער א נאמען געגעבן זיין ספר '**בני יששכר**'.

**האדמו"ר מפאפא:** דער **בעלזער רב ז"ל** האט געזאגט, אז דער **אגרא דכלה** איז חשובער. ווייל דעם **בני יששכר** האט ער געשריבן פאר זיך, אבער דער **אגרא דכלה** איז תורות וואס ער האט געזאגט פאר יודען. מיין פעטער רבי יחזקי' (מחוסט, אחיו של הערוגת הבשם) איז געווען אמאל אין בעלזא, און דער **בעלזער רב ז"ל** האט געפרעגט איינעם פון די חסידים, וואס ער לערנט. און ער האט אויסגערעכנט **בני יששכר**. האט דער **בעלזער רב** געזאגט, אז **אגרא דכלה** איז חשוב'ער, ווייל דאס האט ער געזאגט פאר יודישע קינדער, ממילא האט עס מער כח. ווען רבי יחזקי' איז אהיימגעקומען, האט ער געהייסען אז אלע קינדער און איידימער זאלן קויפן **אגרא דכלה**[ב].

**דומ"ץ פאפא:** דער טאטע ז"ל ברענגט עס אין די הקדמה (לספר **ויגד יעקב** - במדבר).

**רבינו:** עס האט מיר פארציילט דער **קאטמונער רב**, אז מען האט אמאל געפרעגט דעם **שאמלויער רב**, ער האט ארויסגעגעבן בחייו דעם **טיול בפרדס** אויף אגדה. האט אים זיין זוהן געפרעגט, אז ער האט דאך געזאגט אסאך שענערע זאכן פון דאס וואס איז געדרוקט אין **טיול בפרדס**, פארוואס ער האט געדרוקט דעם **טיול בפרדס**. האט ער אים געזאגט, ווייל דאס איז זאכן וואס איך האב געזאגט ברבים, האט עס ביי מיר א עקסטערע חשיבות, אז אפילו עס איז נישט אזוי ווי די אנדערע, האט ער דאס מקדים געווען צו דרוקן (הובא בהקדמת ספר **דרשות לחם שלמה** אות עב).

*

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הר"ר **אליעזר לעפקאוויטש** הי"ו, שהתקיים באולם בעדפארד פערעדייס.

*

***<u>יום שני פרשת אחרי ב'</u>***

בשעות הצהרים הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל הרה"ג רבי **נפתלי בלומענפעלד** שליט"א מנהל ישיבה גדולה דסאטמאר וומסב"ג, שישב שבעה על פטירת אמו ע"ה (אלמנת הר"ר **שלמה בלומענפעלד** ע"ה).

***<u>וזה תוכן השיחה:</u>***

**הרה"ג רבי נפתלי:** מען זיצט שוין נאכאמאל שבעה (אחר שישב על פטירת אשתו ע"ה), אבער דאס איז א אנדערע מין זאך.

**א' מהנוכחים:** יעצט איז עס כיבוד אם, יעצט איז די שבעה א דאורייתא.

**הרה"ג רבי נפתלי:** זי איז געווען א זקנה אויך. הגם נעכטן האט דא איינער נאכגעזאגט, אז דער **צאנזער רב** האט געזאגט, אפילו מען איז אלט, אבער א מאמע איז א מאמע אפילו מען איז אלט.

**רבינו:** מען זאגט נאך אויף א גדול, וואס עס איז אים אוועק די מוטער, זי איז שוין געווען גאר א זקנה, און ער האט שטארק געוויינט. און מען האט אים געפרעגט, וואס איז דא צו וויינען אויף א זקנה? האט ער געזאגט, איך וויין אז עס איז אוועקגענומען געווארן פון מיר די מצוה פון כיבוד אם.

**א' מהנוכחים:** דער מנהל פלעגט פארן צוויי מאל א יאר אויף ארץ ישראל אויף צען טעג. ער איז נישט ארויס פון די מאמע'ס שטוב די גאנצע צען טעג.

**הרה"ג רבי נפתלי:** איך קען נישט זאגן ממש אזוי. אין בני ברק, אין שיכון סאטמאר, איז געווען א יוד, א פאקש'ער, א אייניקל פונעם **ילקוט אליעזר**. עס האט מיר דערציילט **רבי בערל כ"ץ זצ"ל**, דער **דושינסקיא'ער רב**, אז ער האט געהערט ווי דער יוד האט אמאל דערציילט פאר זיין זיידען, פארן **ריסקעווער רב**, אז ער האט געוואוינט אין פאקש,

[ב] יצוין מתוך מכתב שכתב **הגה"צ רבי יעקב יצחק ניימאנן זצ"ל** אב"ד בעלזא מאנטריאל ליבחלט"א **רבינו שליט"א** (ח"י טבת תשס"ג, ונדפס בגליון **בינה לעתים**, גליון ג'): 'הנני בזה בתודה רבה וגדולה על מה שהדר"ג כבדני בספרו שמאד חשובים אצלי, ונוסף לזה שהדברים חשובים מאד שנאמרו לפני קהל רב, וכ"ק מו"ר **בעל ויחי יוסף זצ"ל** כתב בהקדמתו בשם מו"ח **הרהגה"צ יעקב יחזקי' גרוו"ד זצ"ל** הי"ד שמרן מהרי"ד **מבעלזא זי"ע** החשיב מאד ספר **אגרא דכלה** יותר מ**בני יששכר** שנאמרו ברבים לפני בני ישראל'.

און דער ערוגת הבשם'ס מאמע האט אויך געוואוינט אין פאקש. דעם יוד'ס טאטע איז געווען רב אין פאקש, און ער איז געפארן אויף א אסיפת הרבנים. און די מאמע פונעם **ערוגת הבשם** האט געהערט אז ער פארט אויף דעם אסיפת הרבנים, איז זי אריין צום **פאקשער רב**, אז ער זאל איבערגעבן א גריס פאר איר זון, דער **ערוגת הבשם**, און ער זאל אים פרעגן פארוואס ער קומט נישט אריבער צו די מאמע מקיים צו זיין כיבוד אם. ער האט געטראפן דעם **ערוגת הבשם**, און ער האט איבערגעגעבן וואס די מאמע האט געזאגט. האט ער אנגעהויבן צו וויינען, און ער האט געזאגט, אז ער האט עס נישט געקענט טון וועגן ביטול תורה. [איך מיין אז דער **חתם סופר** איז אויך נישט געפארן צו זיין מאמע, וועגן ביטול תורה. אזוי זאגט מען (הובא בספר **חוט המשולש** מהדורא חדשה דף קד). ער האט געשיקט א שליח (רבי בער פראנק ע"ה)]. האט דער **ערוגת הבשם** אראפגעלייגט פאר די רבנים דארט, וואס זיי זאגען. אז די מאמע פרעגט פארוואס ער קומט נישט, און ער פילט אז ער האט א פראבלעם מיט ביטול תורה. און די רבנים האבן אים געזאגט, אז ער זאל יא פארן. און דאס האט ער פארציילט פארן **ריסקעווער רב**, אז ער געדענקט, אז דער ערוגת הבשם איז דעמאלטס געווען אין פאקש אויף צוויי וואכען, און דער **ערוגת הבשם** האט געוואשען די וועש. איך מיין אז ער האט געזאגט, אז דער **ערוגת הבשם** איז אויך נישט געגאנגען צום דאווענען, ער איז געזעסן ביי מאמע (ראה בספר **תולדות ערוגת הבשם החדש** ח"א דף רעט).

**א' מהנוכחים:** די גמרא (קידושין לא:) זאגט, אז די מאמע פון רבי טרפון האט געזאגט פאר די תלמידים, ווי אזוי רבי טרפון איז איר מכבד. האבן זיי אים געזאגט, עדיין לא הגעת לחצי כבוד.

**רבינו:** חמורות שבחמורות.

**הרה"ג רבי נפתלי:** מיין טאטע איז געווען פון די נאנטע מענטשען ביי **הרב וואזנער זצ"ל**, ווען איך בין געפארן צו די מאמע, האב איך געדאווענט ביי **הרב וואזנער**. און איך האב אים געזאגט, אז איך בין געקומען צו די מאמע. האט ער מיר געזאגט, אז אין ירושלמי אין קידושין שטייט, אז סתם עוסק במצוה, איז כיבוד אם. אונז האב מיר אלץ געוואוסט אז עס מיינט צדקה, אבער ער האט געזאגט אז אין ירושלמי אין קידושין שטייט, אז עס גייט ארויף אויף כיבוד אם.

**רבינו:** עס שטייט אין **דברי תורה** פונעם **מונקאטשער רב** (מהדורא קמא אות נו), אז די מוטער האט גערימט רבי טרפון, ווי גרויס ער איז געווען אין כיבוד אם. און די חכמים האבן געזאגט, עדיין לא הגעת צו די העלפט פון די מצוה. ווען א מענטש איז מקיים א מצוה בשלימות, קען זיין אז דאס איז די גאנצע ענין פארוואס ער איז געקומען אויף די וועלט, און ער האט שוין אפגעטון אלעס. האבן זיי געוואלט ממתיק זיין, עדיין לא קיימת, דו האסט נאך וואס צו טון.

**א' מהנוכחים:** עס שטייט פונעם **בעלזער רב**, **רבי ישכר דוב**, אז די מוני המצות ברענגען כיבוד אב ואם צוזאמען, און טאמער מען איז נישט מקיים כיבוד אם, איז די כיבוד אב ווערט אויך נישט נחשב. ער זאגט אז דאס איז דער ענין פון יוה"ך, וואס שטייט אין שלחן ערוך (או"ח הל' פסח סימן תעג), אז מיט דעם איז מען מגלה אז עשו'ס כיבוד אב איז אויך גארנישט, און מיט דעם איז מען מכניע כי כח פון עשו, אז די מצוה ווערט נישט גערעכנט פאר אים[ג].

**רבינו:** עשו האט נאר געהאט כיבוד אב, און נישט כיבוד אם.

**א' מהנוכחים:** ביי יעקב שטייט (בראשית כח-ז), וישמע יעקב אל אביו ואל אמו, און ביי עשו שטייט נאר (שם כח-ח) וירא עשו כי רעות בנות כנען בעיני יצחק אביו.

**רבינו:** פון **חידושי הרי"ם** שטייט, אז דאס וואס די מוטער האט געזאגט (שם כז-יג), אך שמע בקולי ולך קח לי, זאגט ער, דיין ברודער האט א זכות פון כיבוד אב וואס דו האסט נישט, אבער ווען דו וועסט יעצט

---

[ג] וזה תוכן דבריו: **הדרכי משה** (או"ח סימן תעג) מביא בשם **מהרי"ל** שבסדר ליל פסח נוהגין לזרוק מן הכוס סך הכל י"ו פעמים. והטעם, דאיתא במדרש (שוחר טוב לא) חרבו של הקב"ה יש לה ד' פיות מכל צד, נמצא מד' צדדים (חודו גבו ושני צדדין) י"ו פיות. וחרבו של הקב"ה נקרא יוה"ך, כשם השמירה היוצא מסופי תיבות של הפסוק (תהלים צא-יא) כ"י מלאכי"ו יצו'ה ל'ך וכו', כלומר י"ו ה"ך, שחרבו של הקב"ה שיש לה י"ו פיות, תכה ותשבר את שונאי ישראל. ולטעם זה אנו זורקים י"ו פעמים, לרמוז שמפלתם היתה על ידי חרבו של הקב"ה שיש לה י"ו פיות.

ואמר **הרה"ק מבעלזא זי"ע** כי שם זה בגימטריא מ"א. וידוע שמפלת עשו הוא, על מה שלא קיים מצות כיבוד אם כראוי, שזהו לאות שלא קיים גם כיבוד אב כראוי. כמו שפירש רש"י (ויקרא יט-ג) שבכבוד הקדים האב, ובמורא האם, כי שקולים הם. וכיון שלא קיים כיבוד אם, נמצא שגם הכיבוד אב שלו אינו שוה כלום, וזהו מפלתו. לכך שם זה מסוגל לשמירת ישראל משונאיהם, כי הוא בגימטריא א"ם, וזהו מפלתם כשמזכירים להם מצות כיבוד אם (הובא בספר **לקט אמרי קודש** פ' תולדות).

מקיים זיין כיבוד אם מיט מסירת נפש, אולי ימושני אבי, מיט דעם וועסטו קענען מנצח זיין עשו.

*

אחר מעריב נסע **רבינו שליט״א** לבארא פארק והשתתף אצל שמחת התנאים של בן הר״ר **ישראל וויינגארטן** הי״ו, עב״ג בת הר״ר **יחזקאל שרגא היימליך** הי״ו, שהתקיים באולם ספרד. **רבינו שליט״א** נתכבד בקריאת התנאים.

*

***יום שלישי פרשת אחרי ב׳***

בשעות אחר הצהרים השתתף **רבינו שליט״א** אצל אסיפת גדולי רבני העיר וויליאמסבורג, לחיזוק מסורת אבותינו צדקת רבי מאיר בעל הנס שע״י ׳כולל שומרי החומות׳, שהתקיים באולם קאנטינענטאל, ונשא מדברות קדשו.

***וזה תוכן הדברים:***

**ברוכים** הבאים בשם ה׳, איך וויל באגריסן אלע חשובע רבנים וואס זענען זיך צוזאמגעקומען מחזק צו זיין דעם כולל שומרי החומות. עס איז זייער שווער צו רעדן פאר גדולי ישראל, יעדער ווייסט די חשיבות פון צדקה, מען ווייסט די חשיבות פון כולל שומרי החומות. דער **מסלת ישרים** (בהקדמתו) שרייבט, איך בין נישט מחדש קיין חידושים, מען גייט נאר איבער נאכאמאל זאכן וואס מען ווייסט, צוריק צו דערפרישן וואס עס איז די חשיבות פונעם כולל שומרי החומות. מען רעדט דאך צו מנהיגי ישראל, וואס דארפן ויסן וואס זייער פליכט איז אויף די וועלט, סוף כל סוף דער אייבערשטער האט איבערגעגעבן דעם כלל ישראל אין זייערע הענט, זייער השפעה איז זייער גרויס, און יעדער נוצט עס אויס אויף וויפיל ער קען, מרחיב צו זיין די גבולי הקדושה, מחזק צו זיין יודישע קינדער אין תורה און עבודה און גמילות חסדים. דער אייבערשטער זאל געבן ברכה אין וואס מען טוט.

**מען** שטייט נאכן יום טוב פון פסח, וואס יודען האבן צוטיילט אזויפיל צדקה וואס איז ארויסגעגאנגען פונעם כלל ישראל אין די טעג. קיין שום אומה ולשון קען נישט באווייזען וואס כלל ישראל האט באוויזען. נישט נאר זיי קענען נישט באווייזען, סיי האבן אפילו נישט די השגה צו פארשטיין, אז עס קען עקזיסטירן אזא זאך, אז מענטשען געבן אוועק אזויפיל מיליאנען דאלערס וואס ווערט צוטיילט אין די טעג פון פסח, פאר עניי עירך, און פאר עניי ארץ ישראל. כולל שומרי החומות האט צוטיילט שווערע טויזנטער דאלערס פאר הונדערטער משפחות אין די טעג. עס איז א געוואלדיגע זכות פאר אלע וואס האבן זיך משתתף געווען דערין.

**איך** האב געזעהן דעם פסח אין די הגדה פונעם **ברך משה** (דף רעו), אז די גמרא (חגיגה ג.) זאגט, מה יפו פעמיך בנעלים (שיר ז-ב), כמה נאין רגליהן של ישראל בשעה שעולין לרגל, ווי שיין זענען די פוס פון יודען ווען עס קומען די ימים טובים, און מען גייט ארויף מיט די שיך קיין ירושלים עולה רגל צו זיין. בת נדיב, בתו של אברהם אבינו שנקרא נדיב, שנאמר (תהלים מז-י) נדיבי עמים נאספו עם אלקי אברהם. ברענגט ער צו א ווארט פונעם **חתן סופר** (ח״ב דף רנ), וואס ער זאגט, וזאת לפנים בישראל על הגאולה ועל התמורה, שלף איש נעלו ונתן לרעהו (רות ד-ז). יודען האבן אלץ עוסק געווען אין חסד, דאס איז דאך די מדה פון כלל ישראל. יודען זענען רחמנים און גומלי חסדים (יבמות עט.), מען העלפט ארויס איינעם דעם צווייטן. ווען א יוד איז אין א עת צרה, טוט מען אים צוהעלפן מיט וואס מען קען. מענטשען זענען גרייט אוועקצוגעבן פאר יענעם די חשוב׳סטע זאך וואס מען האט, יענעם צו שטעלן אויף די פוס.

**די** גמרא (שבת קכט.) זאגט, אז די חשובסטע זאך וואס א מענטש פארמאגט, איז די שיך. לעולם ימכור אדם כל מה שיש לו, און ער זאל קויפן שיך לרגליו. שיך דאס האלט דעם מענטש, אנדעם איז שווער אז מען זאל קענען עקזיסטירן. ווען עס קומט אבער צו העלפן א צווייטען, זענען יודען גרייט צו נעמען זייער שיך, און אוועקגעבן פאר יענעם, כדי יענער זאל האבן, ער זאל זיך קענען אויפבויען, און שטיין אויף די אייגענע פוס. זאגט דער **חתן סופר**, ׳וזאת לפנים בישראל׳, אזוי איז אייביג געווען ביי יודען, ׳מלפנים׳, פון אלע דורות צוריק, פון אברהם אבינו אן, אז ׳על הגאולה׳, טאמער מען האט געדארפט אויסלייזען א יוד, ׳ועל התמורה׳, מען האט געדארפט טוישן זיין מצב פון וואס ער איז געווען, ׳שלף איש נעלו׳, האט א מענטש אויסגעטון זיין שיך, ׳ונתן

לרעהו', און אוועקגעגעבן פאר יענעם. יודען זענען געבענטשט מיט די מדה פון צדקה, אז א יוד איז גרייט אוועקצוגעבן, און יענעם ארויסצוהעלפן אין א עת צרה.

**זאגט** דער **ברך משה**, אז דאס איז פשט אין די גמרא, ווען עס קומט יום טוב, און מען איז עולה רגל, און וויפיל צדקה עס ווערט צוטיילט יעדען יום טוב, כמה נאין רגליהן של ישראל, ווי שיין זענען די טריטן פון יודען, בשעה שעולין לרגל, בשעת מען איז עולה לרגל, אז מען האט אוועקגעגעבן די מנעלים, שלף איש נעלו, און מען האט עס אוועקגעגעבן פאר א צווייטען. דאס איז כמה נאין רגליהן של ישראל, ווי שיין זענען די פוס פון יודען, בשעה זיי זענען עולה לרגל.

**דאס** איז דער יום טוב פון פסח וואס מען האט אזויפיל צוטיילט, און וויפיל געלט עס איז ארויסגעגאנגען פאר ארץ ישראל, עס האט נישט קיין שיעור און קיין ערך. סוף כל סוף אין ארץ ישראל זענען רובן של ישראל בני עניים, און ב"ה ביי אונז אין די מדינה איז דא א שפע ביי א גרויס טייל פון יודען, און יודען טוען וואס זיי קענען, ארויסצוהעלפן זייערע ברודערס. דאס איז אלעס כוחו של אותו זקן, דער **סאטמארער רבי זי"ע** האט איינגעפלאנצט דא אין אונזער שטאט, אז מען זאל געבן צדקה נאכאמאל און נאכאמאל. און מען זעהט די פירות דערפון, ווי אזוי מען טוט אויפהאלטן יודען.

**מען** דארף נישט פארשטעלן כולל שומרי החומות וואס זיי זענען, דאס איז די איינציגסטע צדקה וואס מיר האבן א שייכות מיט אונזערע אבות, וואס מיר האבן א שייכות מיט אונזערע פריערדיגע רבי'ס, וואס האבן מייסד געווען דעם כולל. ליידער נאכן חורבן זענען אלע קהלות חרוב געגאנגען, עס איז נישט געבליבן קיין שום זכר פון אלע זייערע בתי כנסיות און בתי מדרשות, און ישיבות. וואס אונזערע עלטערן האבן פארמאגט, איז אלעס געווארן היינט א ליידיגע מקום אן תורה. מען איז אריבערגעקומען אהער, און מען האט עס דא איבערגעפלאנצט נאכאמאל. אבער וואס עס איז אונז יא געבליבן פון אונזערע רבי'ס, איז כולל שומרי החומות. דאס איז ארגינעל א מוסד וואס זיי האבן עס אויפגעשטעלט, און אונזערע עלטערן האבן מיט מסירת נפש עס אויפגעהאלטן. יעדע יודישע מאמע ווען זי האט געגעבן צדקה, איז עס נישט געגאנגען פאר קיין שום אנדערע מוסד, נאר פאר כולל שומרי החומות. עס איז געווען מיוחד וואס אויף דעם האט יעדע יודישע שטוב געבענטשט ליכט. דער קאשויער רב זאל זיין געזונט האט פריער ארויסגעברענגט, וואס יעדע ווארט איז געווען פערל ווערטער, די געוואלדיגע חשיבות ווי אזוי כולל שומרי החומות איז געווען אין די אויגן פון אונזערע עלטערן. די תפלות וואס יעדע מאמע האט מתפלל געווען ביי לעכט בענטשען, ווען זי האט מתפלל געווען פאר די קינדער און די אייניקלעך, אז מען זאל זעהן יודישע דורות. אין זכות פון זייערע תפלות זעהן מיר אויס, אזוי ווי מיר זעהן אויס. אז עס איז איבערגעבליבן א שארית הפליטה וואס האט צוריק אויפגעשטעלט דעם כלל ישראל, זענען מיר אלע שולדיג פאר כולל שומרי החומות. זיי האבן דאס אראפגעשטעלט, און אונזערע עלטערן האבן עס מחזק געווען, און אין די זכות פון די צדקה, און די תפלות וואס זענען ארויפגעגאנגען בשעת מען האט געגעבן די צדקה, דאס האט אונז געגעבן די כוחות הנפש אז מיר זאלן זיך קענען צוריק אויפבויען דא אין אמעריקא, און קענען אויסוואקסען אזוי שיין ווי כלל ישראל איז. עס איז דא א חיוב פון הכרת הטוב. ווען מען האט פון יענעם א טובה, דארף מען עס באצאלן, און מען דארף עס שטענדיג געדענקן. יעדער דארף וויסן, אז ער האט א הכרת הטוב פארן כולל שומרי החומות, וואס אונזערע עלטערן, און אונזערע רבי'ס, האבן עס אויפגעשטעלט.

**די** זכות פון כולל שומרי החומות דארף מען דאך נישט זאגן. דער **מונקאטשער רב** אין **דברי תורה** (מהדורא קמא אות פז) ברענגט צו, אז די גמרא (יומא עה.) זאגט, דאגה בלב איש ישחנה (משלי יב-כה), ישיחנה לאחרים. זאגט ער, 'דאגה בלב איש', יעדער יוד וואס האט א דאגה, עס מאכט זיך ביי יעדן איינעם, ער האט שווערע זמנים, 'ישיחנה לאחרים', אחרים איז רבי מאיר (עיין הוריות יג:), 'ישיחנה', זאל ער עס אויסשמועסן, אין שיחה אלא תפלה (ברכות כו:), זאל ער עס אויסבעטן, 'לאחרים', מיט רבי מאיר. ביי רבי מאיר קען מען מסדר זיין אלע דאגות. און ער שרייבט צו איין שורה, וכבר ראינו בזה פלאות, מיר האבן געזעהן נפלאות און ישועות, וואס די וואס האבן געגעבן פאר רבי מאיר בעל הנס, זענען

געהאלפן געווארן. עס איז א געוואלדיגע זכות וואס מיר קענען האבן.

**און** ווי מען האט פריער גערעדט, מעורר צו זיין יעדן וואס מען קען, אז מען זאל אריינגעמען א פושקע אינעם שטוב. די פושקע איז נישט פאר דאלערס, די פושקע דארף זיין פאר מער פון דאלערס. און נישט נאר פאר ערב שבת, און נישט נאר פאר די בני בית, נאר פאר זיך אליין, אין יעדע זמן, ביי א שמחה, און ח"ו פארקערט, זעהן מחזק צו זיין דעם כולל.

**מען** שטייט נאך פסח, פסח איז א יום טוב פון אמונה. אונזער אמונה איז אלעס צוגעבינדען צו זכר ליציאת מצרים, וואס דארט האט זיך דער אייבערשטער מגלה געווען, מען האט געזעהן די גרויסקייט פון די נסים ונפלאות פונעם רבונו של עולם. עס שטייט אין די גמרא (עבודה זרה יז:) כל מי שעוסק בתורה ואינו עוסק בגמילות חסדים, דומה כמי שאין לו אלו-ה. אויב מען איז עוסק אין תורה, ער זיצט און לערנט א גאנצן טאג, אבער ער האט נישט קיין שייכות מיט גמילות חסדים, זאגט די גמרא, אז ער איז דומה כמי שאין לו אלו-ה, כאילו כביכול ער האט נישט קיין גאט. אויפן אייבערשטען שטייט, אז דער אייבערשטער איז מלא חסד. אז מען וויל אויסרעכענען די שבחים פונעם אייבערשטען, רעכנט מען אלץ אויס, די חסד וואס דער אייבערשטער טוט עם בריותיו. די גאנצע בריאה איז נאר געווען, כדי להטיב לבריותיו. ווען מען שטייט נאך פסח, וואס יעדער האט זיך אנגעזאפט מיט אמונת אלקי עולם, נאכדעם איז פאסיג אזא מסיבה, וואס מען רעדט פון טון חסד. ער זאל נישט זיין נאר א עוסק בתורה, נאר עוסק זיין בגמילת חסדים. עסק איז נישט דער טייטש מען זאל טון גמילות חסדים, נאר עסק איז דער טייטש, עוסק צו זיין אין וואס מען קען פארברייטערן די גמילות חסדים, דארף מען פראבירן צו טון. עס קומט באלד א דינער, וואס איז א געוואלדיגע הכנסה פארן כולל, וויסן די חשיבות דערפון, און וואס מען קען משפיע זיין אויף א צווייטען. אמאל דארף מען א אורח הכבוד, אמאל דארף מען א גבאי, וכדומה, און מען בעהט אסאך מאל אז מען זאל ארויסהעלפן, מען דארף זיך נישט אפזאגן דערפון, נאר אדרבה אז מען קען צושטעלן נאך איינעם וואס זאל צוברענגען דערצו, איז עס א געוואלדיגע זכות וואס מען טוט צו פאר חסד.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, אז חפץ ה' יצליח, מען זאל קענען ווייטער טון צדקה וחסד. די חשובע מנהלים פון ארץ ישראל זענען דא, זיי געבן אלץ איבער די געוואלדיגע חסד וואס עס גייט דארט ארויס. די גמרא (בבת בתרא י:) זאגט, אז מתן בסתר איז פון די חשוב'סטע צדקה. מתן בסתר איז כולל שומרי החומות, און ענליכע מוסדות דערצו, וואס א מענטש גיט צדקה, און ער ווייסט נישט וואו די צדקה קומט אן, און דער מקבל הצדקה ווייסט נישט פון וועם ער האט עס געגומען, מען נעמט עס פונעם כולל. דאס איז די חשוב'סטע צדקה וואס שטייט אין **רמב"ם** (הל' מתנות עניים י-ח). דער מענטש ווייסט נישט פאר וועם ער גיט עס, און יענער ווייסט נישט פון וועם ער האט עס מקבל געווען. ווען א מענטש גיט צדקה פאר א ארימאן, איז אויך א געוואלדיגע חשיבות, ער האט יענעם מחיה געווען, אבער יענער פילט זיך אמאל פארשעמט, אז ער האט געדארפט אנקומען צום צווייטען. די גמרא (בבא קמא טז:) זאגט, אז אמאל איז דא וואס עס איז הכשילן בעניים שאינם מהוגנים, אפילו מען גיט צדקה, ווייסט מען נאכנישט אז עס איז אנגעקומען אויפן ריכטיגען פלאץ. כולל שומרי החומות ווערט אויסגעטיילט פאר אזויפיל נקיי הדעת שבירושלים, וואס יודען זענען זיך ממית באהלה של תורה, זיי זענען זיך ממית אויף ערליכקייט, און אויף יודישקייט, אויפצוהאלטן די מסורה פון פריער. עס איז זיכער א בחינה פון עניים מהוגנים, וואס יעדער איינער וואס גיט צדקה דערפאר, איז עס מתן בסתר, און עס קומט אן צו עניים מהוגנים. זאל דער אייבערשטער געבן אז חפץ ה' יצליח, מען זאל קענען ווייטער טון להגדיל תורה ולהאדירה, כולל שומרי החומות זאל ווייטער בליען, און קענען צוהעלפן פאר אזויפיל יודען וואס שטייען און ווארטן ארויס אויף זייער הילף. אין זכות פון צדקה זאלן מיר זוכה זיין אלע אינאיינעם, אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

בשעות הערב הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת מרת לאנדא ע"ה (אשת הר"ר יהושע אלימלך לאנדא הי"ו).

***וזה תוכן השיחה:***

**א' האבלים:** א אבל לייגט רבינו תם תפילין?

**רבינו:** עס איז דא חילוקי מנהגים אין דעם. פונעם **שאמלויער רב** איז דא א תשובה (הובא **בשו"ת מקדשי השם** ח"ב סימן סט) אז ער האט געלייגט.

**א' האבלים:** מען קען שטעלן די מצבה אין שלושים יום קודם החג (שבועות)?

**רבינו:** די מצבה קען מען שטעלן, מען איז נאר נישט מספיד (כמו שכתוב בשו"ע או"ח סימן תקמז סעיף ג).

**והוסיף בצחות:** היינט אז מען קען מספיד זיין אין יום טוב אליין, קען מען שוין אלעס...

**א' האבלים:** די יארצייט איז פסח, ווען גייט מען ארויף צום ציון ביי די יארצייט? און בעצם די ערשטע יאר גייט מען בכלל נישט ארויף, אדער תהלים קען מען זאגן?

**רבינו:** עס שטייט, אז מתפלל זיין פאר זיך זאל מען נישט גיין אין די יאר. אבער בעטן פאר די נשמה, איז געווען וואס האבן געהאלטן אז מען קען יא גיין. איך מיין אז די וועלט גייט נישט.

**א' מהנוכחים:** היינט איז דער **צאנזער רב'ס** יארצייט, און דער עולם גייט (בחודש ניסן).

**רבינו:** א צדיק'ס יארצייט איז אנדערש. מען זאגט נאך פונעם **סאטמארער רב**, אז ער האט אמאל געשיקט די רעבעצין אויף סיגוט מתפלל זיין, אבער ער האט איר געזאגט, אז נאר אהין זאל זי גיין, און נישט ערגעץ אנדערש. אפילו זי איז שוין געפארן אויף יוראפ (ראה **במחזור דברי יואל** פסח אות שסא).

**א' מהנוכחים:** די וואס פארן יעצט, גייען יא ארום.

**רבינו:** היינט איז אנדערש, מען קומט נישט אן שטענדיג, מען האט נישט קיין ברירה, אז נישט וואלט מען אינגאנצן נישט געפארן.

**א' האבלים:** מען זאל גיין ערב ראש חודש ניסן?

**רבינו:** ערב ראש חודש, אדער ט"ו בחודש. אויף די צוויי טעג שטייט, אז די נשמה איז דארט.

**א' האבלים:** וועלכע חודש?

**רבינו:** יעדן חודש. מען דארף נישט גיין, אבער אז מען גייט, זאל מען גיין ערב ראש חודש אדער ט"ו.

**א' האבלים:** דער **מונקאטשער רב** איז געגאנגען יום טוב אליין אויך.

**רבינו:** ער איז געגאנגען ביים יארצייט פונעם **דרכי תשובה** (ב' דסוכות).

**א' מהנוכחים:** אין סאלקא איז די יארצייט א' חול המועד, און מען גייט ארויף צום ציון. אין שאפראן איז די יארצייט שביעי של פסח, און מען איז געגאנגען חול המועד.

*

כמו כן הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת מרת גליק ע"ה (אשת הר"ר **שלמה אלימלך גליק** הי"ו).

***וזה תוכן השיחה:***

**א' האבלים:** איך געדענק אז עס איז אמאל געווען א ברית ראש השנה ביים רבי'ן (**בעל דברי יואל מסאטמאר** זצ"ל), און דער **סאמבאטהעלער רב** פלעגט דאך זיין דער בעל תוקע ביי תקיעות דמעומד, און מען האט אויסגערעכנט אז ער זאל קומען פריער צו זיין מוהל ביים ברית. און ער האט זיך אביסל פארשפעטיגט, און מען האט געווארט דארט. איז עמיצער צוגעגאנגען און געזאגט פארן רבי'ן, אז אפשר קען מען נעמען אן אנדערן צו זיין מוהל, האט דער רבי געזאגט, מען טוט דאס נישט. נעבן דעם באלעמער פלעגן צו שטיין בחורים, האט זיך דער רבי אנגערופען צו איינע פון די בחורים, רבי יצחק שענוואלד, ער איז דארט געשטאנען, גיי זעה וואו דער **סאמבאטהעלער רב** האלט. איז ער געגאנגען, און ער האט געטראפען דעם טאטן אויפן וועג שוין צום בית המדרש.

**רבינו:** זיי זענען געווען אסאך ברית'ן אינאיינעם.

**א' האבלים:** דער טאטע איז געווען זייער א געשיקטער מוהל. דער רב האט צוגעזעהן ביים טאטן די ברית'ן?

**רבינו:** יא. איך האב צוגעזעהן ערגעץ אנדערש אויך, אבער געלערנט האב איך ביי אים. ווען ער האט געדארפט האבן א געהילף, פלעג איך אלץ מיטצוגיין.

**א' האבלים:** דער טאטע איז געווען א אומן יד.

**רבינו:** מען דערציילט נאך, אז עס איז אמאל געווען א ברית ביים רבי'ן ראש השנה, און דער רבי פלעגט מאכן אביסל מציצה, כדי עס זאל זיין דם מילה און דם שופר צוזאמען (עיין **בטורי זהב** או"ח סימן תקפ"ד סק"ב). און דער מוהל וואס האט געמל'ט האט זיך נישט געכאפט, אז דער רבי וויל מאכן מציצה, און ווען ער האט גע'ענדיגט פריעה האט ער געמאכט מציצה. נאכדעם האט ער זיך געכאפט, אז געווענליך מאכט דער רבי מציצה, האט ער זיך אנטשולדיגט פארן רבי'ן, אז ער איז אזוי צוגעוואוינט ביי יעדן ברית, אז תיכף נאך פריעה מאכט ער מציצה, און ער האט זיך נישט געכאפט. אייביג ראש השנה האט ער געהאט אזעלכע ווערטלעך, האט ער זיך אנגערופן, אז מען געוואוינט זיך צו, צו צאפן יענעמ'ס בלוט, איז שווער זיך אפצוגעוואוינען...

אחר מעריב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל סיום הש"ס של הר"ר **אברהם חיים פישמאן** הי"ו, שהתקיים בבית אביו הר"ר **שרגא צבי פישמאן** הי"ו, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**עס** קומט מיר אויס ב"ה אפט צו זיין אויף שמחות, אבער אזא סארט שמחה איז נישט אזוי אפט. מען קען ציילען אויף די פינגער צו וויפיל אזעלכע כינוסים עס קומט אויס אז מען זאל קענען אטיילנעמען. - איך האב אויך אמאל מסיים געווען ש"ס ברבים, פאר מיר האט עס גענומען צוואנציג יאר, אבער אז ביי די צוואנציג יאר זאל מען שוין מסיים זיין, דאס איז לאו בכל יומא מתרחש. איך קען נאר וואונטשען אז די צווייטע סיום הש"ס, זאל נישט געדויערן לענגער ווי די ערשטע אי"ה. - דין נפיש מדבית אבא, האלב קרעדיט איז פאר דער בעל שמחה, ער האט זיך געפלאגט, און ער האט מסיים געווען ש"ס. אבער די גמרא (שבת כג:) זאגט, המוקיר רבנן הויין ליה בנין רבנן, הערשי זאל זיין געזונט איז א מוקיר רבנן, און דער אייבערשטער האט אים געגעבן דעם זכות, אז זיין זון האט מסיים געווען ש"ס.

**עס** שטייט די וואך אין די פרשה, אחרי מות שני בני אהרן, בקרבתם לפני ה' וימותו (ויקרא טז-א). די תורה פארציילט, אז עס איז געווען נאכדעם וואס נדב ואביהוא זענען נסתלק געווארן ווען מען האט אויפגעשטעלט דעם משכן, בקרבתם לפני ה', זיי זענען נאנט געקומען צום אייבערשטען, וימותו, זענען זיי געשטארבען. די מפרשים שטעלן זיך אויף צוויי דיוקים. דער צווייטער וימותו איז איבריג. עס איז גענוג ווען עס שטייט נאר אחרי מות שני בני אהרן בקרבתם לפני ה'. דו זאגסט דאך שוין אז עס איז געווען אחרי מות. און נאכדעם, עס איז דא א כלל (ב"ר מד-ו), אז וואו עס שטייט 'אחר', איז טייטש נאנט, 'אחרי' איז דער טייטש ווייט, אויף א לענגערע צייט. די פרשה איז נישט געזאגט געווארן אזוי ווייט פון ווען עס האט פאסירט די מעשה פון נדב ואביהוא. וואלט געדארפט צו שטיין, 'אחר' מות שני בני אהרן. פארוואס שטייט 'אחרי', א לשון מופלג.

**עס** שטייט אין הייליגע ספרים, און דער **אור החיים הק'** דא אויפן פלאץ טייטשט אויך אזוי, אז דאס וואס נדב ואביהוא זענען נסתלק געווארן, איז נישט געווען א עונש. זיי האבן געטון א זאך וואס איז נישט ריכטיג, און וועגן דעם זענען זיי נסתלק געווארן. נאר עס איז דא אמאל א יוד וואס איז זיך מדבק צום אייבערשטען, און זיין נפש ווערט אזוי נאנט צום רבונו של עולם, אז דער גוף דערהאלט נישט מער די הייליגע נפש, וואס האט א תשוקה נאנט צוקומען צום באשעפער. אין גשמיות געפונט מען אין די גמרא (יומא פב:), אז א אשה וואס איז מעוברת, און זי האט געשמעקט א ריח פון א מאכל, און עס האט איר אנגעגלוסט צו עסן, איז די הלכה אז מען מעג מחלל זיין יום כיפור, און איר געבן צו עסן. כאטש עס איז גארנישט נשתנה געווארן ביי איר, אויב זי וואלט נישט געשמעקט די מאכל, וואלט זי געלעבט געזונטערהייט, אבער אמאל איז דא וואס א מענטש באקומט אזא תאוה צו א זאך, אז טאמער באקומט ער עס נישט, איז ער אין א סכנה. כביכול די זעלבע איז אויך ווען א צדיק איז זיך מדבק צום אייבערשטען, איז אמאל דא, וואס ווערט אנגערופן מיתת נשיקה. נשיקה דאס ווייסט אויף אהבה, אויף ליבשאפט, און מען קען זיך נישט האלטן. זאגט דער **אור החיים הק'**, בקרבתם לפני ה', זיי האבן זיך אזוי מקרב געווען צום באשעפער, אז וימותו, זיי זענען געשטארבען.

**דער** הייליגער **אור החיים הק'** טוט עס נאך אויסברייטערן, און ער זאגט, אז אמאל איז דא מיתת נשיקה, וואס כביכול דער רבונו של עולם קומט צום מענטש, און דורך דעם גייט ער אויס פון מיתת נשיקה. דא איז געווען בקרבתם לפני ה', זיי זענען נאנט געקומען, וימותו, און זיי האבן געוואוסט אז זיי גייען שטארבען, זיי האבן געוואוסט אז זיי גייען עס נישט אויסהאלטן, פון דעסטוועגן דאך איז געווען אזוי גרויס די תאוה זיך מדבק צו זיין אינעם אייבערשטען, בקרבתם לפני ה' וימותו. עס איז א געוואלדיגע מדריגה וואס נדב ואביהוא זענען צוגעקומען, זיי זענען געווען גרעסער פון משה און אהרן. משה רבינו האט געזאגט אויף זיי, בקרובי אקדש (ויקרא י-ג).

**צוצוקומען** צו אזא מדריגה, דארף מען אסאך הארעווען פאר דעם, עס קומט נישט אן אזוי גרינג. ווען מען איז זיך ממית באהלה של תורה, מען פלאגט זיך אויף לימוד התורה, מען אפפערט אסאך עולם הזה כדי מען זאל צוקומען צום כתרה של

תורה, דעמאלטס קען מען, ברבות הימים, צוקומען צו אזא מדריגה וואס נדב ואביהוא זענען צוגעקומען. זאת התורה אדם כי ימות באהל (במדבר יט-יד), אין דברי תורה מתקיימת אלא במי שממית עצמו עליה (ברכות סג:). מען קען לערנען תורה אפילו מען איז זיך נישט ממית דערויף. אבער די תורה האט נישט קיין קיום, עס קלעבט זיך נישט אן, דער מענטש מיט די תורה זענען צוויי זאכען. כדי די תורה זאל זיין מתקיימת, עס זאל זיך האלטן אינעם מענטש דאס לערנען, פאר דעם דארף זיין שממית עצמו עליה. ווען א מענטש איז זיך ממית אויף תורה, איז ער זוכה צו כתרה של תורה. אז נדב ואביהוא זענען צוגעקומען צו אזא מדריגה, פון בקרבתם לפני ה', איז א סימן אז זיי האבן זיך שוין ממית געווען באהלה של תורה זייער לאנג פאר דעם, אז זיי האבן געקענט אנקומען צו אזא מדריגה פון בקרבתם לפני ה' וימותו.

**'וידבר** ה' אל משה', דער אייבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו, דו זאלסט וויסן, 'אחרי' מות שני בני אהרן, שוין זייער א לאנגע צייט וואס די בני אהרן האבן זיך גע'הרג'ט, זיי האבן זיך ממית געווען באהלה של תורה. זיי האלטן שוין 'אחרי', עס איז נישט א זאך וואס איז געקומען פלוצלינג, פון איין מינוט אויף די אנדערע, א נאנטקייט צום אייבערשטען, בקרבתם לפני ה' וימותו, מען גייט אויס. עס ארבעט נישט אזוי. 'אחרי' מות שני בני אהרן, עס איז שוין א לאנגע צייט אדורכגעגאנגען פון ווען די שני בני אהרן האבן זיך ממית געווען באהלה של תורה. אז מען איז זיך ממית באהלה של תורה, נאכדעם קען מען צוקומען צו א מדריגה פון בקרבתם לפני ה', און זייער קרבתם לפני ה' איז צוגעקומען ביז וימותו. צו בקרבתם לפני ה' קען מען נישט צוקומען נאר ווען א מענטש טוט זיך אפזונדערן פון די וועלט, און מען גיט זיך אוועק פאר תורה, דעמאלטס קומט מען צו, צו קרבת ה'.

**אברהם** חיים האט זוכה געווען מסיים צו זיין ש"ס, עס קומט נישט אן גרינג, אסאך שעות און אסאך פרייע צייטן האט מען געדארפט מקדיש זיין, אוועקנעמען פון עסן און שלאפן, פון עניני עולם הזה, כדי מען זאל קענען מסיים זיין ש"ס. דאס איז אלץ נאר א הקדמה צו בקרבתם לפני ה', אז מען זאל קענען נאנט ווערן צום אייבערשטען. נישט בקרבתם לפני ה' וימותו, נאר בקרבתם לפני ה' און מען זאל לעבן. די עיקר איז, מען זאל לעבן און דינען דעם אייבערשטען, אויסנוצען דאס לעבן פארן באשעפער. זאל דער באשעפער געבן ווייטער אויך, אז מען זאל קענען ממשיך זיין צו זיצן באהלה של תורה, און מסיים זיין אי"ה בקרוב נאכאמאל מיטן אייבערשטענס הילף. די עלטערן און די זיידעס זאלן זעהן אסאך שמחות און נחת ביי אלע קינדער און אייניקלעך. עס איז די שמחה פון די זיידעס, מען האט מחנך געווען קינדער, און די קינדער האבן ב"ה ווייטער קינדער, און מען זעהט ווי אזוי די גאלדענע קייט ציהט זיך ווייטער, דארף מען דאנקען דעם באשעפער, שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה. מיר אלע זאלן זעהן נחת דקדושה פון אונזערע קינדער און אייניקלעך, און מיר זאלן זוכה זיין אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

***יום רביעי פרשת אחרי ב'***

אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **יעקב פרץ הילמאן** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות וסנדקאות וברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** מפרשים שטעלן זיך אויף די מצוה פון ברית מילה, וואס איז כמעט די חשוב'סטע מצוה וואס איז דא אין די תורה, י"ג בריתות נכרתו עליה (נדרים לא:), און מען האט אוועקגענומען די מצוה פונעם קינד אליין, און מען האט עס איבערגעגעבן פארן טאטען. דאס קינד ווען ער איז מקיים זיין ערשטע מצוה, איז ער נישט א בר דעת, ער איז א קטן, ער ווייסט אפילו נישט אז מען האט אים גע'מל'ט. פארוואס האט מען צוגענומען אזא חשובע מצוה פונעם קינד, און איבערגעגעבן פארן טאטן.

**מען** זעהט אויך, אז די גמרא (נדה ל:) זאגט, אז יעדעס קינד פאר ער קומט אראפ אויף די וועלט, איז דא א מלאך וואס לערנט מיט אים כל התורה כולה, און ווען ער קומט ארויס לאויר העולם, פארגעסט ער וואס ער האט געלערנט. למעשה דארף א מענטש הארעווען צוצוקומען צו ווערן א תלמיד חכם. וואס איז דער ענין, אז מען האט אים

קודם אויסגעלערנט כל התורה כולה, ווען ער איז נאך געווען א קטן, און ער האט גארנישט פארשטאנען, עס איז נישט דא קיין בחירה, עס איז נישט דא קיין עבודה, און פון דעסטוועגן דאך האט מען אים קודם אויסגעלערנט כל התורה כולה.

**עס** קען אפשר זיין א קשר צו די פרשה די וואך, אחרי מות שני בני אהרן בקרבתם לפני ה' וימותו (ויקרא טז-א), די תורה פארציילט אז נדב ואביהוא זענען נסתלק געווארן בקרבתם לפני ה'. עס איז נישט קלאר אין די תורה וואס דער חטא פון נדב ואביהוא איז געווען. אין פסוק (ויקרא י-א) שטייט, ויקריבו לפני ה' אש זרה, זיי האבן מקריב געווען א פרעמדע פייער. וואס די אש זרה איז געווען איז דא כמה דיעות ווי אזוי מען לערנט עס אפ. די **בעלי תוספות**, און דער **רשב"ם** (פ' שמיני) טייטשען, אז עס איז אראפגעקומען א פייער פון הימל אויפן מזבח, און דאס איז געווען אין משכן, און שפעטער אין בית המקדש איז אלץ געבליבן דער אש מן השמים. אבער עס איז דא א מצוה להביא מן ההדיוט. אפילו עס איז דא פייער פון הימל, האט מען געדארפט צו לייגען האלץ, און נעמען אש, און צולייגען צום מזבח. און נדב ואביהוא האבן געוואוסט די הלכה אז מען דארף צולייגען אש מן ההדיוט, זענען זיי געגאנגען און זיי האבן צוגעלייגט אש מן ההדיוט אויפן מזבח. דער פראבלעם איז געווען, אז די הלכה אז מען לייגט צו אש מן ההדיוט, איז נאר ווען עס איז שוין דא אש מן השמים, איז מען מוסיף דערויף אש מן ההדיוט. אבער זיי האבן ארויפגעלייגט די אש מן ההדיוט, נאך בעפאר עס איז אראפגעקומען דער אש מן השמים, און עס האט געפעלט פונעם קידוש שם שמים. אזוי וואלט מען געזעהן אז עס איז נישט דא קיין פייער אויפן מזבח, און עס קומט אראפ א פייער פונעם הימל, און זיי האבן שוין צוגעלייגט פייער פון פאר דעם, און נאכדעם איז געקומען דער אש מן השמים, איז ווען דער אש מן השמים איז אראפגעקומען אויפן מזבח, האבן זיי ממעט געווען אין כבוד פון אש מן השמים, האט דער אש מן השמים פוגע געווען אין זיי, עס איז נכנסו שני חוטין פונעם אש, און זיי זענען נסתלק געווארן. די אש זרה איז געווען, אז זיי האבן געברענגט אש הדיוט אויפן מזבח, פאר עס איז געווען די אש מן השמים. אזוי לערנען א טייל ראשונים, אז דאס איז געווען דער חטא פון נדב ואביהוא.

**און**ביידע זאכן דארפן א ביאור. וואס איז טאקע דער ענין אז עס איז דא אש מן השמים, און מען דארף צוברענגען אש מן ההדיוט. עס איז דאך דא פייער פון הימל, פארוואס דארף מען אש מן ההדיוט? און אז מען דארף יא אש מן ההדיוט, פארוואס מוז זיין קודם אש מן השמים, מען קען דאך לייגען קודם אש מן ההדיוט, און נאכדעם אש מן השמים. אין יעדע זאך ליגט דאך עפעס א מוסר השכל, און א עבודת ה', וואס מען דארף זיך אראפלערנען.

**עס** שטייט אין **חתם סופר** (בתורה משה ריש פ' כי תצא), אז א מענטש קען זיך נישט גובר זיין אויפן יצר הרע מיט די אייגענע כוחות, ער מוז האבן הילף פון אויבן, אלמלא הקב"ה עוזרו לא היה יכול לו (סוכה נב.). אבער ער קען זיך נישט באפרייען און זאגן, אויב איך קען נישט אליין, מען מוז העלפן פון הימל, זאל מען אלעס געבן פון הימל. ניין, דער מענטש דארף טון וואס ער קען, און נאכדעם האט ער סיוע מן השמים. ער ברענגט צו דעם מאמר פון הלל (אבות א-יד) אם אין אני לי מי לי, וכשאני לעצמי מה אני. 'אם אין אני לי', אויב איך וועל אליין נישט טון עפעס, איך וועל זיך נאר פארלאזן אויפן הימל, 'מי לי', מען קען זיך נישט פארלאזן אויפן הימל אליין. און די זעלבע זאך, 'וכשאני לעצמי', איך וועל אלעס טון אליין, איז 'מה אני', בין איך אויך גארנישט. עס מוז זיין א חלק וואס דער מענטש טוט. ער האט די בחירה, ער טוט די עבודה, און דער רבונו של עולם טוט צוהעלפן.

**עס** איז טאקע דא אש מן השמים, צו די עבודה פונעם מזבח איז דא א אש מן השמים וואס העלפט, אבער מצוה להביא מן ההדיוט, א הדיוט דארף טון וואס ער קען טון, און צו דעם האט ער אש מן השמים אז מען זאל אים העלפן. אבער אמאל קען זיך דאכטן פאר א מענטש, אז ער טוט אלעס, ער איז דאך א בעל בחירה, ער טוט און ער מאכט, אלע מצות זענען זיינס, ער דארף נאר די סיוע פון אויבן, דער רבונו של עולם העלפט אים שטופן דעם וואגן. א יוד דארף וויסן אז עס איז נישט אזוי. די גאנצע כח וואס ער האט, איז אלעס מן השמים. דאס וואס דער אייבערשטער גיט דעם רצון, ער גיט די מעגליכקייט דערצו, אלעס באקומט ער קודם פונעם הימל, ער טוט נאר די מיטל'סטע חלק.

נאכדעם וואס ער באקומט א התעוררות פונעם הימל, טוט ער וואס ער דארף צו טון. נאכדעם קומט דער אייבערשטער, און ער איז עס גומר. די התחלה מיטן סיום איז פונעם אייבערשטען, נאר אינמיטן טוט דער מענטש.

**ווען** א מענטש זאל מיינען אז ער הייבט אן צו טון, נאר דער אייבערשטער העלפט אים נאר צו, דעמאלטס איז עס נישט א ריכטיגע עבודה, עס איז נישט אמת. קודם דארף זיין אש מן השמים, א יוד דארף וויסן, אז דו שטעלסט נישט צו קיין אש מן ההדיוט, פאר עס קומט אראפ דער אש איז מן השמים. נאכדעם וואס עס איז דא אש מן השמים, טוסטו אויך צולייגען אש מן ההדיוט. איזביידע זאכן זענען אמת, מען קען נישט נעמען אש מן ההדיוט אליין, ווייל אש מן ההדיוט אליין איז דער טייטש אז דער מענטש טוט אלעס. מען קען נישט נעמען אש מן השמים אליין, ווייל דאס איז טייטש אז דער רבונו של עולם טוט אלעס. א יוד דארף וויסן, אז קודם קומט אש מן השמים, קודם איז דא א כח וואס דער אייבערשטער גיט, און נאכדעם גיט ער צו אש מן ההדיוט. און אז מען טוט נישט אזוי, איז עס א אש זרה. און דאס איז געווען דער לימוד וואס דער אייבערשטער האט אונז געלערנט ביי נדב ואביהוא, אז עס מוז זיין קודם אש מן השמים, און נאכדעם דארף א יוד צוטון וואס ער קען.

**ווען** א מענטש ווערט מחויב בעול המצות, ווען ער ווערט אלט דרייצן יאר, ער איז שוין דעמאלטס א בר דעת, וועגן דעם ווערט ער דאך ביי די דרייצן יאר בר מצוה, קען זיך אים דאכטן אז ער טוט אלעס אליין, און דער רבונו של עולם העלפט אים צו. האט מען אים געוויזן אז עס איז נישט אזוי. דו זאלסט וויסן, אז די גאנצע תורה וואס דו האסט, האט מען דיר קודם געלערנט. פאר דו ביסט אראפגעקומען אויף די וועלט, האט א מלאך מיט דיר געלערנט די גאנצע תורה. דו האסט שוין באקומען די גאנצע תורה פונעם אייבערשטען פאר דו האסט אנגעהויבן עפעס צו טון. די ערשטע מצוה וואס דו ביסט מקיים, די חשובסטע מצוה וואס טראגט דיך אריין בבריתו של אברהם אבינו, האסטו גארנישט צוגעטון דערצו, דער אייבערשטער האט צוגעשיקט א שליח, דעם טאטע, דער טאטע האט עס פאר דיר געטון. נאכדעם וואס דו האסט דעם אש מן השמים, נאכדעם הייבט זיך אן די עבודה, מצוה להביא מן ההדיוט, דער מענטש דארף טון וואס ער קען.

*

***<u>יום חמישי פרשת אחרי ב׳</u>***

בשעות אחר הצהרים השמיע **רבינו שליט״א** דרשת **׳פתיחת הזמן׳** למאות בחורי חמד דקהלתנו וישיבתינו הק׳, בבית מדרשנו הגדול בוויליאמסבורג. (הדרשה התקיים במסגרת **׳ישיבת בין הזמנים׳** בבית מדרשינו).

***<u>וזה תוכן הדברי תורה:</u>***

**מיר** שטייען יעצט ביי דעם סיום פון ישיבת בין הזמנים, מען רישט זיך צום קומענדיגן זמן. א יוד דארף קודם געבן א הודאה על העבר, און א בקשה על להבא. הודאה על העבר, דאנקן דעם רבונו של עולם אז מען האט געהאט דעם שכל אויסצונוצן דעם בין הזמנים, און זיצן אין בית המדרש. זייער אסאך בחורים ווערן פארפאלן אינעם משך פונעם בין הזמנים, אזא ירידה אז עס איז זיך שווער צו דערהייבן דערפון. זיי קומען נישט צוריק דעם קומענדיגן זמן אין ישיבה אזוי ווי זיי זענען ארויסגעגאנגען. עס איז א שווערע וועלט, בראתי יצר הרע בראתי לו תורה תבלין (קידושין ל:), אן תורה איז נישט דא קיין מעגליכקייט אז מען זאל קענען בייקומען דעם יצר הרע, און כל שכן ווען מען רעדט פון די יונגע יארן. תורה דאס איז די איינציגע קדושה וואס האלט א יוד. און מען דארף דאנקען דעם אייבערשטן, שלא שם חלקינו כהם, וגורלינו ככל המונם, אז מען האט געהאט דעם שכל, אז מען איז נישט נאכגעגאנגען נאכן שוואונג פון אינדרויסן, נאר ער האט קובע געווען זיין פלאץ אין בית המדרש. מען איז געזעסן און מען האט געלערנט, בחורים זענען אנגעקומען צו געוויסע ידיעות, הלכות, פרקים, וואס מען האט אדורכגעלערנט אין משך פון בין הזמנים. קומט זיך קודם א הודאה פארן רבונו של עולם על העבר.

**און** א יוד דארף בעטן א בקשה על להבא, עס קומט א נייער זמן, מען זאל קענען אנהייבן מיט א פרישן חיות, מיט א פרישן חשקות. וויסן אז אין לנו שיור רק התורה הזאת, עס איז נישט דא עפעס אנדערש אויף די וועלט, נאר תורה. און וויפיל ער וועט משתדל זיין קונה צו זיין תורה, וועט ער האבן א

גליקליכן לעבן שפעטער. תורה דאס איז די איינציגע חשיבות וואס דא אינעם לעבן פונעם מענטש. און ב"ה עס גייען צוריק טויזנטער תלמידים אין ישיבה אנהייב פונעם זמן, און מען דארף מתפלל זיין, בעטן דעם אייבערשטן, והאר עינינו בתורתך ודבק לבנו במצותיך, אנהייבן צו שפירן א טעם אין תורה, אז מען זאל קיינמאל נישט איבערלאזן תורה. וועלכע פרייע צייט מען האט, זאל מען קענען אוועקגעבן פאר תורה, און מען זאל פארשטיין וואס מען לערנט. אויף די אלע זאכן דארף מען תפלה, און א בקשה על להבא.

*

**איך** האב געוואלט אנהייבן מיט די נקודה פון יראת ה' טהורה עומדת לעד (תהלים יט-י). די חשיבות פון תורה איז, אז מען לערנט תורה ערליך, עס איז מיט יראת ה'. כל שיראת חטאו קודמת לחכמתו חכמתו מתקיימת (אבות ג-ט), אויב די יראת ה' קומט פאר תורה, דעמאלטס האט די תורה וואס מען לערנט א קיום. יראת חטאו קודמת לחכמתו מיינט צו זאגן, אז **מען דארף האבן יראת שמים, אכט געבן אויף יעדע ריר וואס מען טוט, נישט צו טון אנדערש ווי די תורה האט געהייסן. דאס איז די יראת שמים וואס פארלאנגט זיך פון א יוד, מורא צו האבן פאר די ווערטער פון די תורה. וואס דער אייבערשטער האט געהייסן אז מען טאר נישט טון, טוט מען נישט. און וואס די תורה האט געהייסן אז מען דארף טון, טוט מען יא.** ווען א מענטש האט די יראת ה', און עס איז קודמת לחכמתו, ווען ער לערנט איז פארדעם דא יראת ה', ער האט נישט געזינדיגט, ער פירט זיך ערליך, און נאכדעם גייט ער לערנען תורה, קלעבט זיך אן אין אים די תורה. אבער טאמער עס איז חכמתו קודמת ליראתו, יראת ה' איז די צווייטע זאך, דער עיקר איז די חכמה. אין חכמתו מתקיימת, בלייבט גארנישט דערפון. ער קען זיין א וואוילער בחור, ער קען פיין קענען, ער קען הייסן דער בעסטער פון די כתה, און ער קען מצליח זיין יעצט, אבער קיין קיום, עס זאל אויסוואקסן פון אים וואס א בן תורה דארף אויסצוואוקסן, צו דעם וועט ער נישט צוקומען. יראת ה' דארף זיין קודמת לחכמתו.

**אין** פסוק שטייט נאך א ווארט, יראת ה' 'טהורה' עומדת לעד. עס איז דא יראת ה' וואס עס פעלט די 'טהורה', עס פעלט די טהרה דערפון. אויב עס איז דא טהרה, מען פירט זיך הייליג, מען פירט זיך בקדושה, דאס איז עומדת לעד, דעמאלטס בלייבט די תורה. **גיין אין א מקוה פארן דאווענען, ברענגט א קדושה אויפן מענטש. יעדע מאל וואס מען גייט אין מקוה, ווערט ניתוסף א טהרה אויפן מענטש פון וואס מען האט געהאט פארדעם. אויב ער האט געהאט א טומאה פארדעם, גייט אראפ די טומאה. און אויב ער האט נישט געהאט קיין טומאה, קומט צו א טהרה יעדע מאל וואס מען גייט אין די מקוה, און מען טובלט זיך. ווען דעם האבן זיך ערליכע יודען געפירט, און זיי האבן אכטונג געגעבן, כמעט נישט אויסלאזן א טאג וואס מען זאל נישט גיין אין מקוה אנהייב פונעם טאג. ווען מען איז געשלאפן איז דא א רוח טומאה וואס ליגט אויף א מענטש, האט מען זיך מטהר געווען אנהייב פונעם טאג, מען איז געגאנגען אין די מקוה.**

**איך** האב געזעהן שטיין נאך א טעם אויף דעם ענין וואס מען גייט פארן דאווענען אין די מקוה, און מען לאזט עס נישט אויף שפעטער. א גרויסער טייל פון די בחורים לערנען יעצט מסכת יומא, אין די חבורה פון 'ובהם נהגה'. אין די משנה (יומא ל.) שטייט, אז א מענטש האט נישט געטארט אריינגיין אין די עזרה טון די עבודה, אויב ער האט זיך נישט קודם גע'טובל'ט. עס איז דא א שמועס, צו עס איז דוקא צו א עבודה, צו אן א עבודה האט מען אויך נישט געטארט אריינגיין. אבער דער לשון פון די משנה איז אזוי, אז א מענטש גייט נישט אריין אין די עזרה צו די עבודה, ביז ער האט זיך נישט קודם גע'טובלט. קומט אויס, אז די תחלה פון די עבודה, אפילו א כהן וואס איז געווען ריין, ער האט נישט געהאט קיין טומאה, האט ער זיך געמוזט קודם טובל'ן, כדי ער זאל קענען טון די עבודה.

**יעדע** תפילה ביי אונז איז במקום פון עבודה. תפלות איז כנגד תמידין תקנום (ברכות כו:). מען דאווענט דריי מאל אין א טאג, ווייל ווען דער בית המקדש איז געשטאנען האט מען צופרי מקריב געווען א קרבן תמיד של שחר, נאכמיטאג א תמיד של בין הערבים, ביינאכט איז געווען די אברים וואס איז געלעגן אויפן מזבח, האט מען מתקן געווען דריי תפלות אקעגן די תמידים. **אזוי ווי צו מקריב זיין א קרבן תמיד האט מען נישט געקענט אריינגיין, אויב מען האט זיך נישט גע'טובלט פארדעם, די זעלבע איז ביי אונז דאס**

**דאווענען, וואס איז במקום תמידים תקנום, קען מען נישט גיין טון די עבודה פון דאווענען, ביז מען האט זיך נישט קודם גע'טובלט.**

**אין מאור ושמש** (ריש פרשת אמור) איז דא א לאנגע אריכות דערויף, מען קען אריינקוקן אינעווייניג, און עס אדורכלערנען. ער זאגט, אז די כת שבתי צבי וואס איז אויסגעוואקסן שפעטער, וואס זיי זענען געווארן מינים ואפיקורסים, איז דאס געווען ווייל זיי האבן געלערנט קבלה, און זיי האבן עס געלערנט אן טהרה. און אזוי ווי זיי האבן געלערנט אן טהרה, איז נישט נאר עס האט נישט געהאלפן, נאר עס האט זיי צוגעברענגט דערצו, אז זיי זענען ארויסגעגאנגען לטמיון. און ער זאגט, והיה העולם שמם, די וועלט איז געווען וויסט פון קדושה, ביז עס זענען געקומען די שני המאורות הגדולים לעולם, דער **בעל שם טוב הק'**, און דער הייליגער **רבי ר' אלימלך זי"ע**, און זיי האבן אריינגעברענגט די קדושה, זיי האבן איינגעפירט, אז מען זאל זיך מטהר זיין, בעפאר מען גייט לערנען און דאווענען. 'יראת ה' טהורה', אז מען לערנט תורה, און מען לערנט עס מיט יראת ה', און עס איז בטהרה, 'עומדת לעד', האט עס א קיום.

*

**די** וואך אין די פרשה רעדט מען פון עבודת יום הכיפורים. ווען דער כהן גדול האט געטון די עבודה אין יום כיפור, האט ער במשך פון יום כיפור געדארפט גיין אין מקוה פינף מאל. כל המשנה מעבודה לעבודה, ווען מען איז משנה פון איין עבודה צו די אנדערע עבודה, צריכין טבילה. פאר יעדע עבודה, ווען ער האט זיך געטוישט די בגדים, האט ער זיך געדארפט טובל'ן. די עצם הדבר אליינס, דערציילט אונז די חשיבות וואס מיינט זיך טובלן אין א מקוה. פארוואס דארף ער זיך טובלן? ער האט זיך שוין גע'טובלט מיט א האלבע שעה צוריק, פארוואס דארף ער זיך נאכאמאל טובל'ן? יעדע טבילה האט מקדש געווען דעם כהן מער פון וואס ער איז געווען פארדעם. עס קומט א נייע עבודה, האט ער זיך געדארפט נאכאמאל מטהר זיין, כדי צו טון די פרישע עבודה.

**דער** כהן גדול איז געווען יום כיפור אזוי ווי א מלאך. וכל אדם לא יהיה באוהל מועד (ויקרא טז-יז), א מענטש האט נישט געטארט אריינגיין אינעווייניג אין קדשי קדשים. פרעגט דער מדרש (ויק"ר כא-יב), דער כהן גדול איז אויך געווען א מענטש? זאגט דער מדרש, דער כהן גדול איז דעמאלטס נישט געווען אזוי ווי א מענטש, ער איז געווען כמלאך ה' צבאו'ת. ער איז געווען אזוי אויסגעטון פון דעם עולם, ווי א מלאך. און פאר דעם מלאך האט מען געזאגט, ער דארף זיך אפאר מאל טובל'ן ווען ער טוט אן עבודה! דאס ברענגט ארויס די געוואלדיגע קדושה וואס ליגט אין זיך טובלן, כדי צו טון די עבודה פארן אייבערשטן בטהרה.

**איך** האב אמאל געזעהן שטיין פון א צדיק, האט ער געזאגט, אז מען וויל וויסן וואס מיינט די קדושה פון זיך טובלן. זאגט ער, מען זעהט, אז ווען א גוי וויל ווערן א יוד, וואס דארף ער טון כדי אריינצוקומען אין כלל ישראל? צוויי זאכן. ער דארף זיך מל'ן, און ער דארף זיך טובלן. מל'ן פארשטייט יעדער איינער, מען קען נישט זיין קיין יוד ווען מען איז נישט גע'מל'ט. י"ג בריתות האט דער אייבערשטער כורת געווען אויף ברית מילה (נדרים לא:), א יוד אן מילה איז נישט קיין יוד. פון אלע אנדערע מצוות האט מען געזאגט, ער דארף נעמען אויף זיך איין זאך כדי ער זאל קענען ווערן א יוד, זיך טובל'ען! און די טבילה ברענגט אים אריין, אז ער ווערט א ישראל. פאר ער האט זיך גע'טובל'ט איז ער א גוי, און נאך די טבילה איז ער א ישראל. זעהט מען, אז טבילה קען משנה זיין א מענטש פון א גוי צו מאכן א יוד. א מינוט פאר ער האט זיך גע'טובלט איז ער א גוי, א מינוט שפעטער איז ער אין כלל ישראל. **אז טבילה נוצט כדי פון א גוי צו ווערן א יוד, איז כל שכן פון א יוד צו ווערן א בעסערער יוד, איז זיכער אז די טבילה נוצט!** פון דעם אליין קען מען ארויסזעהן די געוואלדיגע קדושה וואס איז דא אין זיך טובלן. טבילה האט אין זיך א כח, אז דאס איז מטהר דעם מענטש וואס טובלט זיך.

**איך** האב אויך געזעהן א רמז אין די גמרא וואס מען האט געלערנט נישט לאנג צוריק (יומא לא.), אז די גמרא זאגט, אז א מקוה דארף האבן פערציג סאה, ווייל דאס איז מים שכל גופו עולה בהם. וואס איז דער לשון שכל גופו 'עולה' בהם, ער וואלט געדארפט זאגן, מים שכל גופו 'מתכסה' בהם, דער מענטש ווערט צוגעדעקט פון אלע זייטן מיט וואסער, ווען עס איז דא מ' סאה. נאר עס איז נישט נאר אז א

מענטש ווערט צוגעדעקט מיט וואסער, שכל גופו 'עולה' בהם, ער האט אן עליה, זיין גאנצע גוף ווערט נתעלה פון דעם וואס ער האט זיך גע'טובלט.

*

**איך** וועל זיך שטעלן אויף א ענין אין די פרשה די וואך, און פאר די וואס האבן מיטגעהאלטן מיט די חבורה פון 'ובהם נהגה' וועט זיין מער היימישער די גמרא וואס מען האט געלערנט. מען לערנט די וואך אין חומש רש"י, אז ווען דער כהן גדול האט געטון די עבודה אין יום כיפור, האט ער במשך פון יום כיפור געדארפט גיין אין מקוה פינף מאל, און צען מאל האט ער זיך געדארפט מקדש זיין ידיו ורגליו. פאר יעדע עבודה, ווען ער האט זיך געטוישט די בגדים, האט ער זיך געדארפט טובל'ן. דער כהן האט געטון א טייל עבודות מיט בגדי זהב, און א טייל עבודות מיט בגדי לבן. די טאג טעגליכע עבודות איז געווען מיט בגדי זהב, און די עבודות וואס ער האט געטון אין קדשי קדשים, האט ער געדארפט האבן בגדי לבן. און צוויי מאל איז ער אריינגעגאנגען אין קדשי קדשים, איינמאל אריינצוטראגן די כף ומחתה, און שפעטער ארויסצונעמען די כף ומחתה. האט ער זיך געדארפט טוישן די בגדים פינף מאל, פון בגדי זהב אויף בגדי לבן און פארקערט, און אייביג האט ער געדארפט האבן טבילה.

**עס** איז דא א משנה אין מסכת חגיגה (יח:), וואס די משנה זאגט דארט, אז עס איז דא פארשידענע ערליי קדושות. עס איז דא חולין וואס האט אינגאנצען נישט קיין קדושה. נאכדעם איז דא מעשר, די ערשטע סארט קדושה. נאכדעם איז דא תרומה, נאכדעם איז דא קודש, און נאכדעם איז דא חטאת. בעפאר מען האט צוגעריכט, אדער געגעסן איינע פון די זאכן, האט ער געדארפט זיין טהור. טבל לחולין, אויב ער איז געגאנגען צופרי אין מקוה, און ער האט נישט אינזין געהאט אז ער גייט היינט עסן תרומה, צו ער גייט עסן מעשר, טאר ער נישט עסן קיין תרומה ומעשר, ווייל ער האט נישט אינזין געהאט אז ער טובל'ט זיך לשם קדושת תרומה ומעשר. ער מעג נאר עסן חולין. אויב ער וויל עסן מעשר, דארף ער זיך נאכאמאל טובל'ן. טבל למעשר, אויב ער האט נאר אינזין געהאט אז ער גייט עסן מעשר, ער האט נישט אינזין געהאט די גרעסערע קדושה פון תרומה, אז ער גייט עסן תרומה, דארף ער זיך נאכאמאל טובל'ן. די טבילה פון פריער, נוצט נישט אויף תרומה. תרומה, נוצט נישט פאר קודש. אויב ער האט זיך גע'טובלט צו עסן קדשים, איז ער נאך נישט טהור למי חטאת. ווי העכער די קדושה איז, דארף מען האבן א כוונה דערויף. און אויב ער האט זיך נאר גע'טובלט פאר א קלענערע קדושה, קען ער נישט צוגיין צו א העכערע קדושה.

**זאגט** דארט די משנה איין שורה, טבל לחמור שבהם מותר לקל, אויב ער האט זיך גע'טובלט צו חטאת, דאס איז דאך די העכסטע קדושה, איז דאך יש בכלל מאתים מנה, אפילו ער האט נישט אינזין געהאט קודש אדער תרומה, מוז ער זיך נישט נאכאמאל טובלן, ווייל ער האט דאך אינזין געהאט אז ער טובל'ט זיך פאר די העכסטע קדושה פון חטאת. איז ממילא אז מען טובל'ט זיך פאר די הארבע, דארף ער זיך נישט טובל'ן פאר די גרינגערע. - וועלן מיר עס איבער'חזר'ן אין אנדערע ווערטער, טובלט מען זיך פאר א קדושה קלה, דארף מען זיך נאכאמאל טובלן פאר א קדושה חמורה. אז מען האט זיך שוין גע'טובל'ט פאר א קדושה חמורה, איז שוין נכלל אין דעם די קדושה קלה, דארף מען זיך נישט טובלן נאכאמאל.

**אויב** אזוי, דער כהן האט אנגעהאט בגדי זהב, און ער האט אנגעטון צו טייל עבודות בגדי לבן, און ווען ער טוישט זיך די בגדים פון איינעם צום צווייטן, דארף ער זיך טובלן. וואס איז חשוב'ער, וואס איז א גרעסערע קדושה, בגדי זהב צו בגדי לבן? אונז וואלט מיר געזאגט, אז בגדי לבן דאס איז א גרעסערע קדושה. מיט בגדי לבן גייט ער טון די עבודה אין קדשי קדשים, און מיט די בגדי זהב האט ער א גאנץ יאר געטון די עבודה אינדרויסן. אויב אזוי אז בגדי לבן איז א העכערע קדושה ווי בגדי זהב, פארשטיי איך אז ווען ער טוט זיך אויס די בגדי זהב, און ער גייט אנטון די בגדי לבן, וויבאלד עס איז א העכערע קדושה, דארף ער זיך נאכאמאל טובלן. אבער אז ער האט זיך שוין גע'טובלט צו די העכסטע קדושה פון בגדי לבן, פארוואס ווען ער טוט אן די בגדי זהב וואס איז א שוואכערע קדושה, דארף ער זיך נאכאמאל טובלן?

**נאר** עס איז נישט אזוי פשוט, אז בגדי לבן איז חשוב'ער ווי בגדי זהב. ווייל די גמרא (יומא לב:) זאגט,

אז עס איז דא א סברא צו זאגן, אז בגדי זהב איז חשוב'ער פון בגדי לבן. ווייל מיט די בגדי לבן האט ער נאר מכפר געווען אויף איין עבירה, אויף טומאת מקדש וקדשיו האט מכפר געווען די עבודה וואס ער האט געטון אין קדשי קדשים, אבער בגדי זהב האט מען אנגעטון צו אלע עבודות, וואס איז מכפר אויף אלע ערליי עונות. יעדע קרבן האט מכפר געווען אויף א צווייטע עבירה. עס איז כפרתו מרובה, די כפרה פון בגדי זהב איז מער ווי די כפרה פון בגדי לבן. איז דא א סברא אז בגדי זהב איז הארבער פון בגדי לבן. דעמאלטס איז פארקערט די קשיא, אז בגדי זהב איז הארבער ווי בגדי לבן, איז פארוואס ווען ער טוישט פון בגדי זהב אויף בגדי לבן דארף ער זיך טובל'ן, ער האט זיך דאך שוין גע'טובל'ט צו א העכערע קדושה פון בגדי זהב, און בגדי לבן איז קלענער. אין פשטות, יעדע זאך האט זיך דאך זיין מעלה. בגדי לבן האט די מעלה אז מען גייט אריין אין קדשי קדשים, און בגדי זהב האט די מעלה אז עס איז כפרתן מרובה. קומט אויס אז די מעלה וואס דאס האט, האט נישט די צווייטע, דארף ער זיך טובלן צו ביידע.

**איך** וואלט געטראכט א געדאנק, ארויסברענגען א חילוק על דרך מוסר. די הלכה, אז טבל לקודש, אדער צו תרומה, נוצט עס נאר אויף די זאך וואס ער האט זיך גע'טובל'ט. און אויב ער טובלט זיך לחמור, איז די קל אויך נכלל דערין. איז נאר ביי תרומה, און מעשר, און קודש, וואס די קדושה ווערט קיינמאל נישט געטוישט. איינמאל מען האט מפריש געווען תרומה, נישט קיין חילוק מיט וואס פאר א כוונה דו האסט עס מפריש געווען, צו ווי אזוי דו האסט עס מפריש געווען, איז עס געווארן תרומה. און א זר וואס עסט עס, איז חייב מיתה, און א כהן וואס עסט עס, טוט ער א מצוה פון אכילת תרומה. די זעלבע איז אויך מעשר שני, וועט זיך די קדושה קיינמאל נישט טוישן. די קדושה פון קודש טוישט זיך נישט, עס איז אלעס מדריגות וואס איז דא אין קדושה.

**עבודת** ה' פארן אייבערשטען איז אבער אנדערש. עבודת ה' איז צוזאמגעשטעלט פון צוויי זאכן. די מעשה המצוה וואס א מענטש טוט, די עבודה וואס ער טוט אין חיצוניות פון די זאך, איז איין חלק דערפון, אבער נישט דאס איז די עבודה. **די עבודה איז, די הארץ וואס א יוד האט בשעת ער טוט די מצוה. ולעבדו בכל לבבכם** (דברים יא-יג), **עבודה מוז זיין מיטן הארץ. רחמנא ליבא בעי** (רש"י סנהדרין קו:), **דער אייבערשטער דארף די הארץ פונעם מענטש. עס ווענדט זיך אין די כוונה ווי אזוי דו ביסט מקיים די מצוה. א מצוה וואס מען טוט, דארף זיין מיט אהבת ה', און יראת ה', ער טוט עס אן קיין שום פניה, נאר בלתי לה' לבדו. דער אייבערשטער האט געהייסן מען זאל טון די מצוה, עס איז א נחת רוח פארן אייבערשטען שאמר ונעשה רצונו, איך טו דעם רצון פונעם אייבערשטן. עס אינטערסירט מיך נישט וואס איך וועל פארדינען דערפון, וואס איך וועל נישט פארדינען, צו איך וועל אפילו שאדן האבן דורך די מצוה וואס איך האב געטון. עס אינטערעסירט אים נישט דעם כבוד וואס ער וועט האבן דורך די מצוה. עס אינטערעסירט אים נישט דעם נאמען וואס ער וועט האבן. עשה דברים לשם פעלם. א מצוה וואס א יוד טוט, דארף די הארץ זיין דארטן, איך טו עס פארן אייבערשטנ'ס וועגן.** ווען א יוד טוט די מעשה המצוה, ער טוט די מצוה בחיצוניות, ער טוט אן תפילין, ער טוט אן א טלית, ווענדט זיך וואס פאר א מחשבה ער האט געהאט דערביי. מיט וואס פאר א קדושה ער איז צוגעגאנגען צו טון די מצוה. ווען עס איז דא דארטן די מעשה פון די מצוה, מיט די מחשבה, די הארץ איז געווען דארטן אינגאנצען, פון ביידע צוזאמען ווערט צוזאמגעשטעלט די חשיבות פון די עבודה.

**צוויי** יודען קענען אנטון תפילין, און איינער וועט האבן מהודר'דיגע תפילין, און איינער וועט האבן פשוטע תפילין. און דער וואס האט אן די מהודר'דיגע תפילין, האט נישט אינזין געהאט קיין שום ערליכע מחשבה בשעת ער האט עס אנגעטון, ער האט נאר אנגעהאט מהודר'דיגע תפילין, דאס איז נישט קיין עבודה. און דער וואס האט אנגעהאט די פשוטע תפילין, אבער ער האט עס אנגעטון מיט א קדושה, מיט אהבת ה' און יראת ה', די הארץ האט אים געברענט, איך גיי יעצט טון א מצוה פארן אייבערשטן. איך האב נישט קיין שום פניה דערביי, נאר עס זאל זיין א נחת רוח פארן באשעפער. כאטש די חיצוניות פון די מצוה איז ביי אים שוואך, אבער די קדושה פון די מצוה, די עבודה וואס ער האט געטון דערפון, איז גרויס. ווייל **די חשיבות פון עבודת ה' ווערט נישט געמאסטן נאר מיט וואס מען האט געטון, נאר ווי אזוי די הארץ האט עס געטון! -**

עס קען זיין צוויי מענטשן, איינער האט געטון א מצוה קלה, דער אנדערער האט געטון א מצוה חמורה. דער וואס האט געטון די מצוה חמורה, אויסענווייניג האט ער געטון גאר א דערהויבענע מצוה, אבער עס האט אים געפעלט די אהבת ה׳ און יראת ה׳ ווען ער האט עס געטון. און דער וואס האט געטון די מצוה קלה, האט עס געטון מיט א גאנצן ברען, ווי אזוי א יוד דארף צו טון א מצוה פארן אייבערשטן, שטייט די מצוה קלה אין אסאך א העכערע מדריגה, ווי די מצוה חמורה וואס יענער האט געטון. כאטש יענער האט געטון אסאך א העכערע פעולה ווי דער אנדערער, אבער עבודת ה׳ איז נישט געמעסן מיט קיין פעולות. עבודת ה׳ ווערט גערעכנט מיטן הארץ.

**דער** כהן גדול האט זיך געטוישט אפאר מאל, איינמאל צו בגדי זהב און איינמאל צו בגדי לבן. עס איז דא עבודות וואס ער טוט מיט די בגדי לבן, און עס איז דא עבודות וואס ער טוט מיט די בגדי זהב. עס ווערט נישט געמאסטן די עבודה פונעם כהן גדול נאר וואס דו האסט געטון, דאס האב איך געטון אין קדשי קדשים דאס האב איך געטון אינדרויסן, און דאס פון קדשי קדשים איז אנדערש ווי א עבודה וואס מען טוט אינדרויסן. נאר עס ווערט געמאסטן וויפיל הארץ דער כהן האט געהאט בשעת ער האט געטון די עבודה, מיט וואס פאר א קדושה איז ער געשטאנען בשעת ער האט עס געטון. עס קען אמאל זיין ער האט געטון גאר א הויכע עבודה, ער האט עס געטון אין קדשי קדשים, אבער עס האט אים געפעלט די הארץ ווען ער האט עס געטון, און ווען ער קומט ארויס שפעטער, רעכענט ער זיך איבער, וואס האב איך געטון, איך האב נישט געטון די עבודה ווי עס דארף צו זיין. און ער טוט נאכדעם א קליינע עבודה אינדרויסן פונעם קדשי קדשים, אבער דאס טוט ער מיטן גאנצן ברען פארן אייבערשטען, שטייט די קליינע עבודה, וואס ער האט געטון מיטן גאנצן הארץ, חשוב׳ער ווי די עבודה וואס ער האט געטון אין קדשי קדשים. איז ממילא ביי עבודה איז נישט שייך צו זאגן, אז טאמער ער האט זיך גע׳טובלט אויף א העכערע עבודה, און יעצט קומט א קלענערע עבודה, דארף ער זיך נישט טובל׳ן נאכאמאל, ווייל דאס איז א קליינע עבודה, און פריער האב איך שוין געטון א גרויסע עבודה. ווער זאגט אז די פריער׳דיגע עבודה איז די גרויסע עבודה? אין חיצוניות איז עס טאקע די גרויסע עבודה, אבער דו שטייסט יעצט, אז דו זאלסט נאכאמאל קענען טון א מצוה פארן אייבערשטן מיטן גאנצן הארץ, און קען זיין אז די עבודה וואס דו טוסט יעצט שפעטער, די קליינע עבודה, איז אן עבודה חמורה, דאס איז די חשוב׳ע עבודה. איז כל המשנה מעבודה לעבודה, ווען דער כהן האט געטוישט פון איין עבודה צו די אנדערע עבודה, קען מען נישט מעסטן די עבודה, דאס איז קליין און דאס איז גרויס, און איך האב מיך שוין גע׳טובלט צו די חשוב׳ערע עבודה, און יעצט גיי איך נאר מאכן אן עבודה וואס איז ווייניגער חשוב. ווער האט דיר געזאגט, אז די פריער׳דיגע עבודה איז חשוב׳ער. עס קען זיין אז דו האסט געטון א הויכע עבודה, אבער טאמער עס איז נישט געווען דארטן די הארץ פונעם מענטש, רחמנא ליבא בעי, דער אייבערשטער דארף דיין הארץ, וואו איז געווען דיין אהבת ה׳, דיין יראת ה׳, ווען דו האסט עס געטון. איז קען זיין די עבודה וואס דו טוסט שפעטער, אפילו ווען עס איז א קלענערע קדושה, אבער די עבודה דערפון איז אסאך חשוב׳ער אויבן אין הימל, ווי די עבודה וואס דו האסט געטון פריער. איז ממילא, כל המשנה מעבודה לעבודה, ווען א מענטש טוישט פון איין עבודה צו די אנדערע עבודה, דארף ער האבן טבילה.

**עס** איז א מוסר השכל. עס ווערט נישט גערעכנט אן עבודה וואס א יוד טוט פארן אייבערשטן, אז איך האב געטון גאר א חשובע זאך, גאר אן ערליכע זאך. נישט דאס איז דער עיקר. **עבודת ה׳ איז הארץ! ווי אזוי דו ביסט צוגעגאנגען צו די מצוה, וויפיל הכנה דו האסט געמאכט צו די מצוה, ווי אזוי דו האסט עס געטון, האסט עס געטון אן קיין שום פניה, האסט עס געטון נאר פארן אייבערשטן אליין, דאס איז א עבודה שלימה פארן באשעפער.** אויב דו האסט עס נאר געטון מן השפה ולחוץ, כמצות אנשים מלומדה, ווען מען שטייט אויף צופרי, דארף מען קומען אין בית המדרש, מען דארף דאווענען, מען דארף אנטון א טלית קטן, מען דארף לייגן תפילין וכדומה, אבער עס פעלט די הארץ בשעת דו האסט עס געטון, איז עס א פשוטע עבודה! נישט דאס איז די חשוב׳ע עבודה! **די עבודה איז, ווען א יוד טוט אלע מצוות פונעם אייבערשטן מיטן גאנצן הארץ. ווען ער זעצט זיך לערנען, לערנט ער כדי עס זאל מיך ברענגען דאס לערנען צו מידות טובות, עס**

**זאל מיך ברענגען לשמור, ללמוד על מנת לעשות, איך לערן וועגן דעם כדי איך זאל וויסן וואס מען דארף צו טון, כדי מקיים זיין די מצוה פון לימוד התורה, ווייל דער אייבערשטער האט אזוי געהייסן. צו עס קומט מיר אן גרינג, צו עס קומט מיר אן שווער, פון דעסטוועגן דאך האב איך א חיוב צו לערנען יעדע רגע, והגית בו יומם ולילה, איך גיי נישט מבטל זיין פון תורה, איך גיי אייביג לערנען, שטענדיג זיין דבוק אין תורה.** די חשיבות פון עבודת ה' איז נישט די מעשה, די חשיבות פון עבודת ה' דאס איז די הארץ בשעת די מצוה.

*

**עס** קומט א נייער זמן, עס איז בדרך כלל א גמר פון א פריער'דיגן זמן. זומער זמן איז בדרך כלל אויסגעשטעלט א גרויס חלק דערפון, אויף איבערצו'חזר'ן וואס מען האט געלערנט. אין מיטן ווינטער חזר'ט מען ווייניג, מען האלט אין איין לערנען נאך און נאך, אבער ווען עס קומט סוף פונעם יאר, וואס מען האלט ביים ענדיגן א מסכת, דארף מען וויסן, אז **די חשיבות פון לערנען איז, צו קענען דאס לערנען!** נישט מען האט געלערנט, און מען האט געקענט די בחינה דעמאלטס בשעת מען האט געגעבן, און שפעטער פארגעסט ער עס, און ער לאזט עס איבער. ושננתם לבנך (דברים ו-ז), שיהו דברי תורה מחודדים בפיך, שאם ישאל לך אדם דבר אל תגמגם (קידושין ל.). ווען מען לערנט א מסכת, דארף מען קענען די שקלא וטריא פון די גמרא פון אנהייב ביז צום סוף. אפילו מען קען נישט יעדעס ווארט מיטן לשון, אבער ער ווייסט וואס ער האט געלערנט. די משנה האט געזאגט אזוי, אין די גמרא איז געשטאנען אזוי, און אויף די מימרא איז געווען איין קשיא, צו דריי קשיות, און דאס האט די גמרא געענטפערט דערויף. איבערגיין צוביסלעך וואס מען האט געלערנט. אז מען לערנט, און מען חזר'ט נישט איבער וואס מען האט געלערנט, איז עס אזוי ווי א מענטש איז זורע ואינו קוצר, א מענטש זייעט אן א פעלד, און עס האט געוואקסן פירות, און נאכדעם לאזט ער עס איבער. עס איז נישט דא קיין גרעסערער טיפש פון דעם וואס טוט אזוי. דו האסט דיך געפלאגט, דו האסט געאקערט דיין פעלד, און איינגעזייעט דאס פעלד, די יגיעה ליגט שוין דארטן, יעצט איז שוין דא די פירות וואס דו דארפסט נאר אריינעמען אין דיין אוצר, עס זאל בלייבן ביי דיר, דו זאלסט קענען נהנה זיין דערפון. אויב דו טוסט עס נישט, האסטו זיך געפלאגט אומזיסט! תורה איז טאקע נישט שייך אז מען זאל זיך פלאגן אומזיסט, ווייל אפילו מען געדענקט נישט וואס מען האט געלערנט, האט מען מקיים געווען יעדע רגע א מצוה. אבער ער האט נישט דעם תכלית, ללמוד על מנת לעשות, מען זאל קענען וואס מען האט געלערנט.

**מען** דארף נישט איבערלאזן די חזרה אויף די לעצטע צוויי חדשים פונעם זומער, חזרה דארף מען אנהייבן תיכף, און צוביסלעך. וואס מען האט געלערנט דעם זמן, דארף מען עס תיכף גוט איבער'חזרן. עס איז דא אזויפיל פרייע זמנים וואס א בחור האט, לאנגע פרייטאג נאכמיטאגס, שעות לאנג. עס איז דא לאנגע שבת נאכמיטאגס וואס מען קען איבער'חזר'ן וואס מען האט געלערנט. אפילו מען לערנט נאר איבער יעדע וואך צוויי דריי בלאט גמרא, וואס מען האט געלערנט אין אנהייב זמן, ווען עס קומט סוף זמן האט ער שוין אלעס מונח בקופסא, עס ליגט אים שוין אוועקגעלייגט. דאס איז די עבודה פון דעם זמן, זעהן משלים צו זיין אלעס וואס מען האט געלערנט. אלעס וואס מען האט געלערנט מיינט נישט שיעור עיון אליין, דאס מיינט מען אויך שיעור פשוט, און אלע לימודים וואס א בחור האט געלערנט, דארף ער זעהן קונה צו זיין. משנה ברורה וואס ער האט געלערנט, 'ובהם נהגה' וואס ער האט געלערנט. יעדע לימוד וואס מען האט געלערנט, דארף מען זעהן אז ווען מען וועט ענדיגן דעם זמן, זאל ער קענען אלעס וואס ער האט געלערנט.

**א** גרויס חלק פון די בחורים האלטן מיט די חבורה פון 'ובהם נהגה', און איך וויל זיי געבן חיזוק אז זיי זאלן ווייטער ממשיך זיין. רובם נעמען בחינות אויף דעם וואס מען האט געלערנט, און ב"ה מען זעהט געוואלדיגע פירות דערפון. יעדן חודש קומט צו נאך צען בלאט וואס מען לערנט, אין א יאר לערנט מען אדורך הונדערט און צוואנציג פרישע בלאט, אן די סידרי הישיבה האט מען צוגעלערנט א גאנצע מסכת. איך וויל מעורר זיין יעדן איינעם, דער וואס האט נאר די מעגליכקייט דערצו, זאל אנהייבן מיטצוהאלטן. מען האלט יעצט אינמיטן מסכת יומא. אויף יום כיפור אי"ה, ענדיגט מען די

מסכת, וואס די מסכת איז געשטעלט אויף דיני יום כיפור. אפילו מען האלט אינמיטן א מסכת, און אפילו מען האלט אינמיטן א פרק, זאל מען נישט קוקן אויף דעם וואס מען האט נישט אנגעהויבן פון אנהייב, יעדער קען ארייַנשפרינגען דערין, און אנהייבן יעצט.

**עס** איז זייער שיינע גמרות, עס קומט יום כיפור, און מען זאגט די סדר העבודה, ווייסט מען פון וואס מען רעדט, און מען ווייסט ווי אזוי עס איז צוגעגאנגען די עבודה אין בית המקדש יעדן יום הקדוש. מען האט גערעדט ביי נעילת החג, אז דאס לערנען מסכת יומא, וואס מען לערנט די עבודת יום הכיפורים, שטייט אין **תפארת שלמה** (לשמיני עצרת), ער זאגט עס דירעקט אויף מסכת יומא, אז ונשלמה פרים שפתינו, ווען מען לערנט עבודת יום כיפורים אפילו אינמיטן פונעם יאר, איז ביי אים א גאנץ יאר יום כיפור, און עס איז דא מחילת עונות! ער טוט די עבודה יעדן טאג, מיט דעם וואס ער לערנט די מסכת. - דער וואס קען, זאל זעהן ווייטער מיטצוהאלטן דערצו.

**איך** וויל מחזק זיין די חבורה פון 'תורה שבכתב', זייער אסאך בחורים האבן זיך צוגעשטעלט דערצו, מען ענדיגט יעדע וואך חומש רש"י, און עס איז דא שכרו בצידו פאר די וואס פארהערן זיך. **אן קיין חומש רש"י איז מען נישט קיין יוד.** מען ווייסט נישט תורה שבכתב, וואס דאס איז די תורה וואס דער אייבערשטער האט געגעבן פאר משה רבינו. ער קען אלעס קענען, ער קען דעם רמב"ם מיט אלעם, און ער קען נישט קיין פסוק חומש. דער **סאטמארער רב זי"ע** פלעגט נאכזאגן פון **רבי מרדכי'לע נדבורנער זי"ע**, אז ער האט געזאגט, אז ער האט געקענט אסאך יודען, ערליכע יודען האט ער געזאגט, וואס זיי האבן זיך נישט געפילעוועט אין חומש רש"י, און זיי האבן נישט געוואוסט וואו דער רבונו של עולם געפינט זיך. **אז מען לערנט חומש רש"י, טרעפט מען זיך מיטן רבונו של עולם.** חומש רש"י איז אסאך מאל א מוסר ספר פאר זיך אליין. און נאכדעם די ידיעה פון די גאנצע תורה, מען לערנט אדורך די גאנצע תורה, אלע תרי"ג מצות פון די תורה האט מען אדורכגעלערנט, און ונשלמה פרים שפתינו עס ווערט גערעכנט כאילו מען איז מקיים די אלע מצוות. אפילו עס קומט אסאך מאל שווערערע מקצועות אין די תורה, דארף מען זיך נישט ארויסציען דערפון, מען דארף מער צולערנען אין די פרייע צייטן וואס מען האט.

*

**תורה** טוט אויסאיידלען דעם מענטש. יעדער מענטש איז דאך געבוירען מיט שלעכטע מידות, אין גם אחד וואס ווערט געבוירען מיט גוטע מידות. ביי איינעם איז עס ווייניגער, און ביי איינעם איז עס מער, אבער אזוי האט דער אייבערשטער באשאפן דעם מענטש און מען דארף ארבעטן דערויף. מען דארף זיך מוטשען דערויף, כדי מען זאל קענען מתקן זיין די מדות.

**מדת** גאוה. מען זעהט אפילו א קליין קינד, ווען מען האט אים צוגעריירט א זאך, מען האט נישט געטון ווי אזוי ער האט געוואלט. ווערט ער ברוגז, פארוואס מען האט עס געטון, וכדומה, דאס איז גיאות! דאס איז טייטש, מיך האסטו צוגעריירט? מיך האסטו עפעס געטון? ער ווערט געבוירען דערמיט. ער איז נישט קיין בעל גאוה מיטן שכל, נאר דאס האט דער אייבערשטער אריינגעלייגט אין נאטור פונעם מענטש, יעדער מענטש האלט זיך, אז ער איז א יש, איך בין עפעס, קענסט מיך נישט אוועקרוקן. **ווען א בחור שטייט אין די זייט, און יענער גיט אים אזא ריק, לאמיך אדורך. דרייט ער זיך אויס, וואס רוקסטו מיך? איך בין א מענטש פאר מיר, וואס רירסטו מיך אן? - וואס איז דאס? גיאות! ער איז זיך מחשיב אז ער איז עפעס, און דו ביסט ווייניגער פון מיר. דו האסט נישט קיין רעכט מיך אוועקצורוקן פון דא וואו איך בין.** איך זאג עס נאר פאר א משל. עס איז קליינע משלים. ווען מען ווערט עלטער, ווי עלטער מען ווערט, וואקסט עס מיט, און עס וואקסט מיט אויף אנדערע אופנים. אז מען ארבעט נישט דערויף אין די יונגע יארן, מען לערנט נישט קיין ספרי מוסר, בלייבט מען אזוי. ער ליידט דערפון זיין גאנץ לעבן, און מענטשן ליידן פון אים.

**די** מדה פון כעס. א קליין קינד רעגט זיך. ווען עס באדערט אים עפעס, איז ער אין כעס, אזוי ווערט דער מענטש געבוירען. און א יוד דארף ארבעטן דערויף, מען זאל זיך קיינמאל נישט בייזערן. שווייגן און גליבן, אזוי ווי דער **תניא** שרייבט (באגרת הקודש כה), אז אלעס איז פונעם אייבערשטן, עס איז נישטא קיין שום זאך וואס געשעהט פון זיך אליין. אז יענער

האט מיך מכעיס געווען, און ער האט מיר געטון א זאך וואס געפעלט מיר נישט, האט אים דער רבונו של עולם אזוי אונטערגעשיקט. ער האט טאקע א בחירה, דער אייבערשטער איז זיך נישט מזדקק צו קיין בחירה, אבער פון דעסטוועגן דאך, זאגט דער **תניא**, פאר דיר קען נישט געשעהן א זאך וואס דער אייבערשטער וויל נישט. אויב עס וועט נישט געשעהן דורך אים, וועט עס געשעהן דורך א צווייטן וועג. דער צער וואס דו דארפסט האבן, וועט אנקומען אויף א צווייטן וועג, דארפסט נישט ברוגז זיין אויף יענעם.

**און** די זעלבע איז ביי אלע אנדערע מידות, **זיך געוואוינען צו טון גוטס איינער מיטן צווייטן. זיין א בעל חסד. ווי מען קען ארויס העלפן יענעם, דארף מען פרובירן ארויסצוהעלפן דעם חבר.** עס איז דא חסד בגופו, און עס איז דא חסד בממונו, און עס איז דא חסד בתורתו. חסד בממונו, רעדט מען נישט פון קיין בחורים, זיי האבן דאך נישט נאר וואס זיי באקומען פון די עלטערן פאר זיך. אבער חסד בגופו, יעדער האט א גוף, יעדער קען ארויסהעלפן. ווען מען זעהט איינער פלאגט זיך עפעס, עזוב תעזוב עמו, העלפן פאר יענעם וואס מען קען אים העלפן. יענער איז אין א קלעם, און מען דארף אים ארויסהעלפן, פרובירן ארויסצוהעלפן. חסד בתורתו. תורה איז אויך דא חסד. **א בחור איז שוואך, און ער דארף האבן הילף, פרובירן צו לערנען מיט אים. אפילו מען וויל נישט אוועקגעבן קיין סאך שעות דערויף, אבער א חלק פון די וואך, זאל ער זיך נעמען א חברותא וואס איז שוואך, און לערנען מיט אים. אויפהייבן דעם בחור, ער זאל נישט זיין צובראכן ביי זיך, רעדן גוטע ווערטער פאר איינעם וואס עס פעלט אויס.** די אלע זאכן איז חסד, וואס א יוד איז א בעל חסד, מיר זענען געבוירען אזוי, רחמנים ביישנים און גומלי חסדים (יבמות עט.), דאס איז דער סימן אז מען איז א יוד. אויב ער האט עס נישט, איז ער נישט מזרע ישראל, שטאמט ער פון די ערב רב, אבער נישט פון זרע אברהם יצחק ויעקב. זרע אברהם יצחק ויעקב האבן אין זיך גוטסקייט, וואס זיי טוען ארויסהעלפן איינער פארן צווייטן.

*

**מען** הייבט אן א פרישן זמן, זאל דער אייבערשטער געבן, אז מען זאל צוגיין מיט א פרישן התחדשות. ווי אזוי א בין הזמנים קוקט אויס, ווייסט יעדער איינער. מען האט שוין געשפירט די גליקן פון נישט זיין אין בית המדרש, מען האט געווארט צופרי' עס זאל ווערן ביינאכט, און ביינאכט עס זאל ווערן צופרי', עס זאל אדורכגיין נאך א טאג און נאך א טאג. וואס וועל איך טון היינט, וואו וועל איך מיך דרייען. פרייען זיך אז מען קען זיצן אין בית המדרש פון צופרי ביז ביינאכט, און עוסק זיין בתורה, און וואקסן אין תורה, און אויסוואקסן אן איידלער ערליכער בחור. **עס איז א פראכט פאר א בחור אליין, ווען ער וואקסט אויס ווי עס דארף צו זיין.** ווען עס קומט צו שידוכים איז דאך אן אנדערע מסכת ווען מען רעדט פון א בחור וואס איז איידל, פון א בן תורה. זיין גאנץ לעבן טוט ער אסאך מאל פארפאסן, ווייל ער האט זיך נישט געוואלט אהערשטעלן די פאר יאר וואס ער איז אין ישיבה. און ער האט פאר קיינעם נישט אפגעטון, נאר פאר זיך אליין. ווען ער וואלט אויסגענוצט די צייט, און אויסגעוואקסן א בן תורה, וואלט ער געווען א פראכט פאר זיך, און פאר די משפחה, און פאר די עלטערן, און פאר א שטוב אויפצושטעלן שפעטער. מען האט אסאך מאל נאכגעישט דעם שכל אין אנהייב, ווען מען כאפט זיך שוין איז צו שפעט. יעצט איז די צייט, מען איז יונג, מען גייט אנהייבן א פרישן זמן, זאל דער אייבערשטער העלפן, אז מען זאל אנהייבן מיט א פרישן התחדשות, ללמוד על מנת ללמד, לשמור ולעשות, מען זאל לערנען, און לערנען מיט אנדערע, און אליין אפהיטן וואס מען האט געלערנט.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, עס זאל זיין מיט אסאך הצלחה און סייעתא דשמיא, וואקסן תלמידי חכמים יראי ה', דינען דעם אייבערשטן ווי מען האט פריער געערעדט, עס זאל זיין יראת ה' טהורה עומדת לעד. די וועלט איז היינט אויף זייער א נידריגן מצב, מן הסתם ווייסן די בחורים אפשר אפילו מער פון מיר, וויפיל עס איז. **די היינטיגע טעלעפאונס, מען דארף זיך אפזונדערן דערפון, נישט האבן קיין שום מגע ומשא דערצו. גוטס ברענגט עס נישט! די שאלה איז נאר וויפיל מען פאלט, אבער גוטס ברענגט עס פאר קיינעם נישט! א בחור וואס רירט נישט צו דערצו, איך וויל עס נישט קענען, איך וויל נישט האבן דערמיט קיין שייכות, דאס איז יראה טהורה, דאס איז יראתו קודמת לחכמתו. ווען ער זעצט זיך לערנען נאכדעם,**

**האט ער א ברכה אין דעם וואס ער לערנט, עס קומט אריין א הייליגקייט אין די תורה וואס מען לערנט.**

**מען** קוקט אן, אמאליגע גדולי ישראל האבן געקענט כל התורה כולה, נישט ווייל זיי האבן געהאט בעסערע קעפ פון אונז, נאר ווייל זיי זענען געזעסן און געלערנט תורה ערליך, פון צופרי ביז ביינאכט איז מען געזעסן און געלערנט, זיי האבן געקענט כל התורה כולה. מיר זענען דאך ממש עמי הארצים אקעגן ווי אזוי מען האט אמאל אויסגעקוקט. זיי זענען געווען אפגעזונדערט פון די וועלט, זיי האבן נישט געהאט קיין שום שייכות מיט גארנישט. מען האט געוואוינט א גאנץ לעבן אזוי ווי מען וואוינט אין א קאנטרי, מען האט גארנישט געזעהן, און גארנישט געהערט, אן צייטונגען און אן קול מבשר, גארנישט איז געווען. מען איז געזעסן פון צופרי ביז ביינאכט און געלערנט, ביז מען איז אויסגעוואקסן וואס מען וואקסט אויס.

**מען** קען זיך נישט צושטעלן צו זיין אזוי ווי זיי ממש, אבער מעין פון דעם, נישט אליין ברענגען אויף זיך קיין ביטולים. אויסנוצן די צייט און **נישט האבן קיין שום שייכות, נישט מיט די כלי אליין, און נישט מיט א חבר וואס האט דאס. אז דער חבר האט עס, פעלט פאר דעם חבר עפעס, און דו דארפסט נישט זיין זיין חברותא. מען דארף זיין גוט 'צו' יעדן, אבער מען דארף נישט זיין גוט 'מיט' יעדן.** העלפן דארף מען פאר יעדן איינעם, אבער א חברותא דארף מען זיך אויסקלויבן די בעסטע חברותא וואס איז שייך. הרבה חברותא עושה, חברותא איז זייער אסאך משפיע אויף א בחור. זאל דער אייבערשטער העלפן, מען זאל קענען זיצן און לערנען תורה בטהרה, אויסוואקסן תלמידי חכמים ויראי ה', די עלטערן זאלן זעהן אסאך אידיש נחת, און מיר זאלן זוכה זיין אלע אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

*

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעור השבועי **באור החיים הק'**, בבית מדרשנו זכרון יהודא.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של הבחור **אשר** ני"ו בן הר"ר **הלל פישמאן** הי"ו, שהתקיים באולם עמינענס (קראסנא).

*

***<u>שבת קודש פרשת אחרי ב'</u>***

אחר התפלה השתתף **רבינו שליט"א** אצל הקידושא רבא לרגל הולדת הבת אצל הר"ר **מאיר צבי ברוין** הי"ו (חתן הר"ר אברהם מנחם פרענקל הי"ו).

בסעודה שלישית נתכבד **הרה"ג רבי חיים דוב וייסבערג שליט"א** בברכת המזון.